# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 1 (העפט 280) זעכצענטער יאָרגאַנג יאַנואַר, 1955 לאָנדאָן


## 1. פינף צייט סאַטירעס

סף־הכול 1954

אויפן גאַנצן ערד־קײַלעך מ׳האָט אונז געקוילעט,
פונם ריין ביזן ווייסל, פון פרת ביז חדקל,
אָבער אומעטום זיי האָבן זיך געלאָזן,
אַ מאַשקעלע פאַר זייער ביליקן געמעקל.

צומאָל אין זייערע פּאַלאַצן באַהאַלטן,
אַ דניאל, ר׳זאָל זיי אויסטייטשן דעם „מנא תקל״;
אונזערע בערג אַש פּראָפּיטירן זיך איצט גוט,
מיט מאַרטין בובערס הויך־דויטשן „פּראָפּעט יעזעקל״.

ס׳איז אַ ווערעמדיק עפּעלע ס׳ערד קײַלעכל,
אַזאַ געשלענגל: העגל־שלעגל־העקל* — —
עס צו צעקוועטשן אונטער זיין פערדישן פוס,
צומאָל דעם שטן שוין נעמט אַ מיאוסן עקל.

כאָטש גוט, וואָס אַ העלפט ווערים אויף צווייטער זייט איז,
אונטער יענעם אייזערנעם שטאַכל־דראָט געהעקל,
און נישט אַזאַ מפונק קאָזאַצקער שטיוול — — —
און פעסטער ער שטייט ווי אויף „שלומים״ דער שקל.

לסוף, לעצטע שורה שאַרף אונטערגעשטראָכן,
דעם סף־הכול פאַר הכול בכול מכול פלעקל:
נישט נאָר אויף אונז אַליין — ס׳וואַרט שוין אויף אַלע איצט
דעם מלאך־המות׳ס פלינק־קוילענדיקע העקל.

## דער העלד פון טאָג

(אין סילוועסטער טאָג האָט מענדעס־פראַנס געהאַט זיין „גרויסן זיג״)

אַז מען שלעפּט זיך רק ווי דער כעלמער מלמד,
אַהין און צוריק כסדר נאָר מיט דער ציג,
איז אַ ווונדער אַז די שווערסטע זאַך קריגט מען אַרויס,
גלייך מען שלעפּט פון דער מילך אַ פאַרחלשטע פליג?

---

די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון „פריינט פון יידיש לשון״
זונטיק, דעם 23־טן יאַנואַר, 3.30 נאָכמיטאָג,
אין אַרבעטער־רינג, עלי סטריט, א.1
אַלע מיטגלידער און סימפּאַטיקער זיינען איינגעלאַדן.
סדר היום: 1) באַריכטן; 2) דיסקוסיע; 3) ווייטערדיקע אַרבעט; 4) וואַלן.

---

### פ ר יי נ ט  פ ו ן  יי ד י ש  ל ש ו ן

שבת, דעם 29־טן יאַנואַר, 7.30 אין אָוונט,

### אַ  ק אָ נ צ ע ר ט

מיט דער באַטייליקונג פון דער באַרימטער און באַליבטער קינסטלערין **חנהלע צעלניקער** און אַנדערע. קומט מאַסנווייז. איינטריט 3/6 און 2/6
אין פּראָגראַם: שלום עליכם, פּרץ, אַנסקי און געזאַנג פון יידישע קונסט און פאָלקס־לידער

---

### פ ר יי נ ט  פ ו ן  יי ד י ש  ל ש ו ן

דינסטיק, דעם 15־טן פעברואַר, 7.30 אין אָוונט,
אַ גלעזל טיי, אין אַדלער האַל, אַדלער סטריט, א.1
לכבוד דעם דערשיינען פונם בוך
**„פּאַמאַכעט, דער כעלעמער פּאָעט״, פון שמואל וואַהייט**

---

סוף־חודש זונטאָגס

**ב ן  א ו ר י**, 14 פאָרטמאַן סטריט, וו.1.
**זונטיק, דעם 30־טן יאַנואַר, 8 אזייגער**
דאָס שאַפן פון די לאָנדאָנער יידישע שרייבער

---

די רעדאַקציע פון „לשון און לעבן״ באַגריסט דעם שרייבער י. א. ליסקי צו זיין יובל, צום 50־טן געבוירנטאָג.

מיין פריינט, דעם שרייבער **י. ליסקי**, צו זיין פופציקסטן געבורטסטאָג, ווינטש איך פיל פרייד, אין האַרצן און אין דער נשמה, און ער זאָל ווייטער שפינען זיין ליטעראַרישע אַרבעט. משה דאָמב.

---

**מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַ־מענט אָפּצאָל.** דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.

„אַז מען הייסט מענדל מעג מען עסן פון זיין פענדל“,
בפרט, אַז מען מעלקט די מילך דירעקט פון דער ציג,
אָבער ביז פול צום קענדל ער וועט קומען צו גיין,
ר׳זאָל נאָר נישט צוברעכן — כ׳מיין אויסברעכן! — דער קריג.

— — — — — — — — — — —

— אפשר, איז תוך איז כעלעמער מלמד׳ס חכמה
גאָר לגמרי נישט אַזאַ גולמשער מילך־וועג צום זיג:
זאָל עס נאָר קומען צו קריג צווישן „אָסט און זיד“,
און עס וועט דורסט זיך נאַצי־ציג, מיט נאַצי־ציג.

### די לאָנדאָנער „בני ציון היקרים“

עס ווערט אַ יידיש שטעטל אונזער תל־אביב,
ס׳דרייען זיך שוין אַרום דאָ תל־אביבער יידן,
אַ מלמדות זוכנדיק, אַ חזניש־שטעל,
און אַז אַ פרעסער איז מען אויך שוין גוט צופרידן.

אין יידישן שעלטער איז ווידער יידישלעך!
פון וואַנען איז אַ ייד? נישטאָ זיך וואָס צו שעמען,
אַ נכתב אין תל־אביב, געבוירן אין טעלז, בעלז?
אַזאַ יאָר אויף מיר וואָס פאַר אַ טייערע נעמען.

ווי אַזוי דערקענט כ׳האָב דעם איראַקער בחור?
זיכער נישט אין זיינע ברייט־צעשפרייטע נאָז־לעכער —
אין זיין תל־אביבער־שניט און אין זיין „היברו“!
מיט שוואַרצע ווינט ער שוין איבער מיר, אַ שטאָק העכער.

און די סטודענטלעך, די בני ציון היקרים,
מאושלען שוין העברעאיש־יידישלעך — ס׳האַרץ צו רירן!
און אויב נאָך נישט מיט קעמעלעך און מיט נאָדלען,
קלאַפן זיי שוין מיט „קריסטמעס קאַראָלס“ אין די טירן.

באמת תל־אביב אַ שטאָט פול מיט יידן,
ווי אַזוי אַ שיקסל, נעבעך, דאָרטן צו קריגן?
איז אַ גרויס „ראַכמאַנוט“ אויף דעם געמישטן „קווייער“,
וואָס גלות׳ט, גויאיש, דאָ מיט אַ קאַראָל־ניגון...

### מאה־שערים

אויפן וועג צו דער כותל־מערבי
טאַפּט זיך אַ בלינדער צווישן הונדערט טויערן,
צו יעדן פאַרבייגייער שטרעקט זיך זיין האַנט,
די אויסגערונענע טראַכאָם־אויגן
טריפן באַטריבט מיט אַזויפיל באַדויערן:



„ביי אַ וואַנט ס׳דערטאַפּט זיך נאָך אַ בלינדער,
אָבער טרויער ביי טויער, טייטל ביי קלייטל — —“
און אַ טויט־מידער בלייבט ער אַזוי שטיין,
בלינד אין לאַבירינט פון הונדערט טויערן,
טאַפּנדיק זיין ליידיק געלעכערטן בייטל.

מאה־שערים אין מערב־וואַנט!
אָבער דורך וועלכן טויער וועט משיח קומען?
מיט קאָפּ קאָן מען אַ וואַנט אַדורכברעכן
בלויז אַ האַרץ בלינד־אויפגעפּראַלט פון ליבשאַפט — —
„בעגלה ובזמן קרוב ונאמר אמן“.

### „אַטאַ פאַן האַבסבורג קעניג פון ירושלים“

עס האָט איינמאָל אַ פּרינץ, פאַר אין רייט־פערד,
דאָס גאַנצע קעניגרייך זיינס אָנגעבאָטן;
אָבער אַז אַ גאַנצע כאָפּטע שקאַפּעס,
פערדיש זיך צעהירזשעט: „גיט אונז פּרינץ אָטאָ׳ן!“

ער, דער יורש־עצר, פּראָיים יאָסעל׳ס,
ווייסט אַזאַ אָנגעבאָט שוין גוט צו שעצן;
נאָר צי קאָן מען דען מיט איין ווי־הייסט־מעס,
אויף אַזויפיל שקאַפּעס אַרויף זיך זעצן?

אַחוץ, אפשר, ווי צו די עליות,
אויפרופן מען וועט יעטוועדן באַזינדער;
און אַ נס, אַז אונטער איין הינטערן,
אָפּגעשמיסענע „כל־הנערים“־קינדער — —

פּתח שערי שמים, אַ האַבסבורגער,
פון ירושלים דער הייליקער קייסער!
ער רייט אַרויס, דער מלאך הגואל,
פון די טשעכיש־אונגאַרישע כולל־הייזער.

„כי אין לנו מלך אלא אָטאָ — —“
שטייט דאָך בפירוש אַזוי אויפגעשריבן!
דערפאַר פאַרן „קעניג פון די שנאָרער“.
האָבן מיר אים, פּרינץ אָטאָ׳ן, אויסגעקליבן.

אויפן קאָפּ אַ קרוין דעם „כתר“ אָנטון,
אין האַנט שטאָט אַ סצעפּטער — די „יד“ טון האָבן!
די פקידים קרענקען זיך צוקוקנדיק,
ווי ביים כותל מען וועט דאָס איצט זשאָבן.

כ׳מיין דעם געשיקטן זשורנאַליסט, דעם פלינקן רעדאַקטאָר פון די „ידיעות אחרונות“, וועלכער איז דאָ לעצטנס געווען מיט זיין פלאַן מכוח דעם אַז ישראל זאָל ווערן אַן ענגלישע דאָמיניאָן, איז אויך אַ סימפּטאָם, אַז עפּעס גאָר וויכטיקעס גייט פאָר אין די ישראל פּאָליטישע אונטער־קוליסן.

וואָרים אויב אַ רעדאַקטאָר פון אַ באַרימטער בולוואַר־צייטונג, וואָס גאַנצע פלאַטן מיט נייעס־קאַטשקעס ווערן געטריבן מיט איין פעדער־שטריך, לאָזט זיך אַרויס אין אַזאַ מלוכה־מיסיע, — זאָל מען זאָגן אפילו אויף אייגענער אחריות, און דר. הערצל ראָזענבלום איז אַ ייד מיט אַ גרויסע נאַציאָנאַלע אחריות! — איז די פּאָליטיק אין לאַנד, און נישט נאָר די פּאָליטיק — דער גאַנצער מלוכה־באַשטאַנד! (און אַזוינס האָט זיך אַרויסגעהערט פון זיינע ווערטער! אפשר איז דאָס גופא אויך נאָר אַ קאַטשקע, כדי צו שרעקן די גענז...) אויף משקולת. און דווקא נישט אויף רעליגיעזע־און אויף בית־מדרש פּאָליטיק פון „נטורי קרתא“ —

מען פאַרשטעלט מיט אָט די קאַטשקעס די גוטע דייטשן, וועלכע דרייען זיך אַרום אין ישראל ווי קיבוצניקעס, ווי פרומע פראַנקפורטער אין ראַפאַעל הירש׳ס שניט, וואָס לאָזן זיך ווילגיין אין כשרע רעסטאָראַנען. זיי גייען אַרום פאַרשטעלט ווי גלחים, וואָס קומען באַזוכן הייליקע ערטער — מען גרייט צו פּסיכאָלאָגיש דעם באָדן פאַר דעם גרויסן און לעצטן דיפּלאָמאַטישן שריט מיט דייטשלאַנד, פאַרטומעלט מען די קעפּ מיט נטורי קרתא־קאַמפן . . . מען שפּילט זיך מיט אויסגעדראָשענע טריקס און מען פאַרגעסט אַז —

פאַרן יידישן פאָלק איז מלכות ישראל, ארץ ישראל, איינס פון די פעסטע זיילן פון אונזער באַשטאַנד; אָבער אויך פאַר דער יידישער מדינה איז יידישקייט (טראַדיציע און גלות־שאַפונגען) אויך אַ זייל אָן וועלכן זי וועט נישט קאָנען באַשטיין. און דערווייל איז דער צוגאַנג און די אַרבעט פון העברעאיזירן דעם גלות, אויף אַזוי ווייט פּרוכטבאַר, אויף ווי ווייט דאָס ביסל שארית הפליטה־קולטור וואָס איז נאָך על פּי נס אונז געבליבן זאָל אויך גאַנץ צושטערט ווערן.

אויב דאָס איז נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, יידישע מלוכה־סטראַטעגיע —אפשר! אָבער מיט קולטור האָט עס אַבסאָלוט נישט צו טון.

אויב דער באַראָמעטער פון אַ מלוכה איז רק די עקאָנאָמיק, און אין אונזער פאַל זיינען עס די פאָנדן און די כל־ערליי „פּראַקטישע“ שאַכערייען, איז דאָך בכלל נישטאָ וועגן וואָס צו רעדן: פאַלן די שלילי־הגלות־טאַקטיקס און זיי הויבן זיך מיט די אַפּיל־אַקציעס. אויב אָבער די פּאָליטיק לגבי די גלות־קולטור איז אַ פעסטגעזעצטע פון בראשית אָן: רוסית או עברית און היינט — ענגליש או יידיש; איז זי, די פּאָליטיק, נישט נאָר אַ ככל־הגוימדיקע, נאָר ממש אַ גויאישע: אַזוי ווי דאָס קליינע לאַנד, ישראל, קאָן קיין 15 מיליאָן מענטשן נישט אַריינגעמען, טאָ זאָל עס דאָך וואָס שנעלער קולט זיין אַ דריי־פיר מיליאָן ישראלים, און די איבעריקע יידן אין גלות זאָלן וואָס שנעלער פאַרשווינדן צווישן די אומות; וועט מען פּטור ווערן פונם פינסטערן גלות און ישראל וועט קומען „אל המנוחה ואל הנחלה“.

צו דעם איז די איינציקע עצה, אפּנים, אויסמעקן יידיש, עס אויסרייסן מיטן וואָרצל, ׃וואָרים מיט יידיש וועלן זיך כסדר אונז נאָכשלעפּן אַ כאָפּטע גלות־יידן. דער אייביקער קלאָפּאָט — דאָס יודן־פּראָבלעם. יידיש שטערט די אַסימילאַציע! עס שטערט צו „האָבן“ די מערהייט פון אונזער פאָלק אין ישראל, אָן יידיש וועלן מיר האָבן אין איין דור דעם רוב מנין און רוב בנין אין ישראל, ווייל דער רוב פון אונזער פאָלק — — —

מיר וועלן עס ליבער איבערלאָזן פאַר אונזער געשיכטע, זי זאָל געפינען די ריכטיקע לאָגיק, אַז עס זאָל צופירן און פעסטיקן אונזער באַשטאַנד, איידער איך זאָל אויספירן דאָ דעם געדאַנק אין דעם איבערגעריסענעם זאַץ.



## יוסף הלל לעווי

# אין דער ניטל נאכט

ס׳האָט דער פראָסט אַרומגענומען —
שטעטל, ווי אַ רייף אַ פאַס,
צוגעצויגן די אַרומען,
צוגעניט אַ גאַס צו גאַס.
ווי אַ הערש דער ווינט צו יאָגן —
איז געקומען מיט געוויי!
מיטגעבראַכט מיט זיך אַ וואָגן:
ריזנגרויס און פול מיט שניי.

און דעם שניי אַלץ העכער, העכער,
אויסגעשאָטן מיטאַמאָל!
איבער הייזער, צוימען, דעכער,
וועלדער, פעלדער, בערג און טאָל.
ביז עס איז אַזוי געוואָרן —
קלאָר צעשימערט און צעהעלט;
ווי אַ קינד גאָר ניי געבוירן
מילעכווייס די גאַנצע וועלט.

2

פון דעם הימל גרוי־געשפּאַנטן,
איבער שטרעקעס — ווייט און ברייט,
האָבן דימענטן, בריליאַנטן,
בלישטשענדיק אַראָפּגעשיינט
און געלייגט זיך טיף אין שטילן —
שלאָפן אינעם פעלד און וואַלד,
איינגעשנייט די וואַסערמילן,
אַלע טייכן פאַרקרישטאַלט.

אינעם ווינט וואָס האָט געבלאָזן,
און מיט שנייען אַלץ פאַרשיט,
האָב איך לויפן זיך געלאָזן —
פונעם פראָסט געיאָגט, געבריט.
און געברענט די נאָז און אוירן,
באַקן, מויל מיט הענט און פיס,
יעדעס גליד אַדורכגעפרוירן
און געשטאָכן פון זיין שפּיז.

3

כ׳האָב גענומען פאָכן, קלאַפּן,
אין דער לופטן מיט די הענט,
צו דערוואַרמען כאָטש אַ טראָפּן, —
זיך, און האָב דאָס נישט געקענט.
כ׳האָב געוואָלט אַ שטוב דערלאַנגען,
וואַרמען זיך אַביסל אויס, —
אָבער קריסטמאָס־בוים געזאַנגען
האָט געשאַלט פון יעדן הויז . . .

האָב געמוזט איך ווייטער לויפן,
אויף די וועגן פול מיט שניי,
ווו די פערדלעך סאָפּן, שנויפן,
שליטלעך קלינגען, פלי׳ן פאַרביי.
ביז איך האָב מיך אויף אַ שליטל
פלינק אַרויפגעכאַפּט געשווינט!
אין דער צלם־נאַכט פון ניטל
אויפגעהויבן פונעם ווינט.

4

אין דער נאַכט ווען אויסגעשטערנט—
ס׳גלאַנצט דער הימל בלוי פאַרטראַכט,
און קיין יידיש קינד נישט לערנט
יעדעס חדר איז פאַרמאַכט.
אין דער ניטל־נאַכט פון צלים,
ווען אַרויסצוגיין מען שרעקט,
און דאָס עסן אין די כלים —
ווערט מיט שליסלען צוגעדעקט . . .

צו די יידן — פינצטער,ווטיק,
טיף פאַרסמט פון רשעות, כעס;
זעט קריסטוס אויך אויס בלוטיק,
רצחיש־בייז פון יידנהאַס!
זענענס גויים וועלכע זינגען —
תהלים פול מיט ליבע וויי,
ווען די קלויסטערגלאָקן קלינגען,
זעט קריסטוס אויס ווי זיי . . .

און מיט ליכטלעך בונט באַהאָנגען,
איז זיין קריסטמאָס־בוים — פריש גרין,
פון די לידער זילבער קלאַנגען —
גיסט זיך דופטיק ווי יאַסמין . . .
ווען די גאַסן טיף פאַרשלאָפן —
זענען אינעם שניי געווען, —
כ׳בין אין ניטל־נאַכט געלאָפן —
אויף זיין קריסטמעס בוים צו זען . . .

5

אויך דער קריסטמעס־בוים דער שענסטער,
ווען אַמהעלסטן ער זיך ברענט,
קוקט צו מיר אַריין אין פענסטער —
מרה־שחורהדיק און פרעמד . . .
זיינע פלאַמיקע קאָלירן,
זילבערצווייגלעך אויסגעשפּרייט, —
מיך דורך טונקעלע תפיסות־טירן —
פירן צו אַזוי פיל לייד!

ווען די קליינע קינדער זינגען —
צו דעם קריסטמעס־בוים באַגליקט, —
כ'הער פון די—די קייטן קלינגען —
וואָס מען האָט צום טויט פאַרשיקט...
און ס'דערמאָנען מיך די לידער —
אָן דעם עלנט פון מיין שטאַם,
די פאַרקוילטע טייערע גלידער,
פון דער אינקוויזיציע פלאַם...

ווען עס האָט די וועלט געדעמערט,
שווערד און פייער אָנגעווענדט,
דאַמאָלט האָט מען אויך געזמרט —
מיט שטורקאַצן שוואַרץ־צעברענט...

און מען האָט מיט פאָלק, טרומפּייטן,
יידנס גזר באַקאַנט געמאַכט, —
ווער ס'וועט נישט זיין גלויבן בייטן
מוז גלייך ווערן אומגעבראַכט!

ווען איך שטיי פאַרטראַכט ביים
פענסטער,
דרויסן זילבערט ווייס די וועלט,
קוקט אפילו אויך דער שענסטער —
קריסטמעסבוים אָן מיך טיף געקוועלט.
כאָטש איך קאָן אים שוין פון דורות,
לאַנגע, באַנגע, אָן אַן ענד, —
מיך באַפאַלן תמיד מורא'ס
ווען איך זע אים גרין צעברענט...

## משה דאָמב

# סילועטן

מערסטנס זיינען זיי געקומען אין אָסיען צייט, ווען ס'האָבן געיאָגט שד'ישע ווינטן, די טעג פאַרוואָלקנט, קורצע, די נעכט טיף חושכדיקע. ס'האָט זיי געצויגן און געלאָקט אונזער רייכער הויף, מיטן ריח פון די געפאַרבטע ברייטשקעס, געוויקלטע ווייסל קוישן אויף די וועגענער, אויסגעמישט מיטן ריח פון פערד־שטאַלן. זיי האָבן געבענקט צו די יידישע און גויאישע דינסטן, אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן זייערע אייביקע צרות.

צאַרקע, די בייגל־הענדלערין, איז תמיד געבליבן שטיין אין מיטן הויף, אַן אויסגעמאַטערטע, אַ מידע, פון שלעפּן אַ פולן קויש מיט בייגל און זעמל. צאַרקעס פּנים האָט טאַקע אויסגעזען ווי אַ זעמל מיט מאָן. איינגעדאַרטע קינבאַקן, מיט פּיטשינקע אויגעלעך, איר גאָמבע פאַרריסן, אויפן פּנים פּיטשינקע שוואַרצע פינטעלעך. פון צעקנייטשטן, דינעם האַלז האָט אַרויסגעשטאַרט דער גאָרגל, ווי אַ סענק. אַ נעזל ווי ביי אַ יונג הינדעלע, און תמיד אַן אָפן אָנצייניק מויל. צאַרקע איז געווען אַ יידענע פון אַ יאָר אַכציק. זי איז נישט געגאַנגען, נאָר געריטשט מיט די דינע פיסלעך. אויף איר קאָפּ האָט זי געטראָגן אַזאַ ראָזע ווייסע קופּקע, ווי אַ מאָן־בלום. ווען דער ווינט האָט איר אַראָפּגעיאָגט די קופּקע, פלעגט זי בלייבן שטיין אַ שטייפע, מיט אויסגעצויגענע הענט פאַרויס, און קוקן פאַרויס ווייט, און שווייגן, וואַרטן ביז אימיצער וועט קומען און צוריקברענגען די קופּקע. אַז זי פלעגט אַזוי שטיין, אַ מידע, פלעגט צוקומען אַ יונג קעלבל צום קויש מיט זעמל און לעקן דעם זאַלץ פון די זעמלס אויבערפלאַך. דערפאַר פלעגט צאַרקע זיך אָנלענען אויפן קעלבלס פּלייצעס. אַז דאָס קעלבל האָט זיך אָנגעזעטיקט, האָט עס געגעבן פלוצלינג אַ האָצקע אַוועק, אַזוי אַז צאַרקע איז באַלד אומגעפאַלן אין די בלאָטע אַריין, ביז מען האָט זי דערזען, און אַריינגעפירט אין קיך אַריין. אין קיך האָט זי באַלד געקריגן אַ הייסן טאָפּ טיי מיט מילך.

ווען צאַרקע האָט געהאַלטן דעם טאָפּ טיי מיט אירע ציטערדיקע הענט און



זיפּצנדיק אַזוי, פלעגט שטענדיק אָנקומען קלמן מעקלער. דאָס איז געווען אַ זער מאָדנער ייד, אַ טונקל־געלער, מיט אַ רויט רונדיק פּנים, אַ שיטער רויטלעך בערדל, שלעכטע ברוגזע ביער־אויגן, תמיד געקוקט אַראָפּ, און שטענדיק זיך געקריגט מיט די יידישע דינסטן. מיט די גויאישע דינסטן שטאַרק מורא געהאַט זיך צו קריגן פלעגט זי פאַרביילויפן, אויסשפּייען און זאָגן, ווי צו זיך „ימח שמו“.

כ'האָב שטענדיק ליב געהאַט צו שמעקן צו זיין פעפער־שטעקן, מיט ווייסע שפּרינקעלעך. דערפאַר האָט ער דעם שטעקן קיינמאָל נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנט. ער האָט מורא געהאַט מען זאָל אים נישט אַמאָל איינבייגן. אָבער ווען צאַרקע איז געווען אין קיך פלעגט ער שנעל דעם שטעקן אַוועקשטעלן אין ווינקל נעבן דער טיר און לאַנגזאַם זיך צוגנבענען צו צאַרקעס קויש מיט זעמל, איינגעבויגן דעם קאָפּ, שנעל אַרויסציען עטלעכע זעמל און בייגל, אַריינפּאַקן אין ראַק־טאַש, און זער שנעל כאַפּן דעם פעפער־שטעקן, אומקוקנדיק זיך שנעל און אַנטלויפן, און אויפן וועג לאַנגזאַם גריזשען די בייגל, און זער שנעל זיך אַרומקוקן. צאַרקע האָט דאָס קיינמאָל נישט געוווסט, ווייל מיין מאַמע פלעגט איר סיי־ווי פאַר אַלע בייגל באַצאָלן.

אַז קלמן האָט שוין געהאַט אויפגעגעסן די בייגל, פלעגט ער זיך אָנלענען ביים בריקל און וואַרטן ביז צאַרקע וועט צוריקגיין, מיטן געלט פון די בייגל, און פלעגט צו איר זאָגן: „צאַרקעשי קרוין, געטץ מאָ אַ פּאָר גראָשן, כאָטשבי ביז מאָרגן, וועל איך פאַר אייך זאָגן תהלים אויף לאַנגע געזונטע יאָרן“... צאַרקע איז געווען בטבע אַ גוטע, האָט זי אים געגעבן אַ פּאָר גראָשן, און דערביי דענקענדיק אויף קלמנען אַלס גוטן יידן.

יעדן זונטיק נאָכמיטאָג איז צו אונז געקומען בראָנע די באָבעס־הענדלערין. דער נאָמען בראָנע האָט איר געפּאַסט, ווייל איר פּנים איז געווען ברוין, ווי אַן אויסגעזאָטענע באָב. גערעדט האָט זי מיט אַ שטיל, הייזעריקן קול, אייביק דערציילט וואָס פאַר אַ צדיק און לערנער איר מאַן איז געווען, ערלעך פאַרדינט זיין געלט ביי מלמדות, און זי האָט געזאָטן באָבעס פאַר די קינדער. ווען איר מאַן איז אָפּגעשטאָרבן, איז זי אַזוי אַ גאַנצע וואָך יעדן טאָג אַרומגעגאַנגען אין די הייזער פאַרקויפן באָבעס, זונטיק איז זי געקומען צו אונז, ווייל זונטיק פלעגט קומען צו אונז יאָסל דער פאַכטער, נעמען די מילך, און יאָסל פאַכטער איז געווען אַן אלמן, פלעגט בראָנע וואַרטן ביז פאַרנאַכט. ווען יאָסל איז געקומען מיט זיינע מילך־קאַנען, פלעגט זי אים גלייך דערלאַנגען אַ האַנט מיט וואַרעמע באָבעס און אַזוי אַריינרעדן אין אים ווען איר מאַן יצחק מלמד, און פאַרוואָס יאָסל זיצט אַזוי אַליין און וויל נישט חתונה האָבן. ווען יאָסל האָט שוין געהאַט פולע קאַנען מיט מילך און גענומען גיין אַהיים, פלעגט בראָנע שנעל צוזאַמעננעמען אירע גראָשנס פאַר די באָבעס, און נאָכלויפן יאָסלען מיט ניין מאָס רייד . . .

פרייטיק נאָכמיטאָג פלעגט צו אונז קומען דער משוגענער דוד, אַ ייד אַ גרויסער למדן, מיט אַ הדרת פּנים, אַ בלאָנדע באָרד און פּאות, גרינע קליינע

אויגן, אויפן קאָפּ געטראָגן אין ווינטער אַ ספּאָדעק, אין דער האַנד געהאַלטן אַ גראָבן סענקעוואָטן שטעקן, און שטענדיק פלעגן די הינט אַממיינסטן אויף אים בילן, און ער האָט דאָס זער ליב געהאַט, כסדר גערייצט די הינט מיטן שטעקן, און דערביי צופרידן געלאַכט. אָבער פיל מאָל זיינען די הינט געווען קלוגער פון דוד'ן, אַרויפגעשפרונגען פון הינטן אויף די פּלייצע, אַראָפּגעריסן אַ שטיק כאַלאַט, אויך פון דעם איז דוד שטאַרק צופרידן געווען.

דוד האָט זער ליב געהאַט קינדער. האָט ער אונז אייביק דערציילט מעשיות וועגן הערשעלע אָסטראָפּאָלער, שמחה פלאַכטע, כעלעמער נאַראָנים. דערפאַר האָבן מיר קינדער אים כסדר געשטופּט שטיקער ברויט אין דער לאַנגער ברויט טאָרבע, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעהאָנגען אויפן אָרעם. דערפאַר האָט אים שטאַרק געהאַסט די גויאישע דינסט, מאַגדאַ, ווייל ווען ס'איז קיינער נישט געווען אין דער קיך, פלעגט דער משוגענער דוד צושפּרינגען צו איר, אַרומנעמען און זי תאוהדיק קושן, און דערביי קנייפּן. די שיקסע פלעגט זיך שעמען, פלעגט זי שווייגן. דערפאַר פלעגט זי אָנהעצן אויף אים די הינט, און די הינט זיינען גיריק אויף אים געלאָפן, מיט אַ קנאהדיקן בילן, ווייל דוד'ס טאָרבע איז שטענדיק געווען פול מיט ברויט.

אין די ווינטערדיקע בין־השמשות צייט פלעגט זיך קוים אַריינשטופּן אין די קיך־טיר חיה די דאָרפס־גייערין. אויף איר געזונטע פּלייצע פלעגט זי טראָגן הינער, אייער, פעדערן, פּוטער, קעז. קיינער פון די קינדער האָט נישט גע־ווּסט פון וואַנען חיה קומט, און ווו זי גייט. אין דעם פּאַק אויף דער פּלייצע פלעגן זיך וואַרפן די פליגל פון די הינער. דער גאַנצער פּאַק איז געווען פאַר־דעקט מיט אַ גראָבן שאַל. האָט אונז קינדער תמיד געשראָקן דאָס באַוועגן זיך אין דעם פּאַק.

די דינסטן פלעגן אונז סטראַשן, אַז דאָס טראָגט חיה אויף די פּלייצעס שלעכטע קינדער און זי פאַרקויפט זיי ערגעץ אין אַ דאָרף. דערפאַר האָבן אַלע קינדער, אַרום אונזער הויף, געהאַסט חיה'ן און זיך שטאַרק געשראָקן. ווען מיר האָבן זיך געשפּילט פאַרן טויער און מען האָט געזען פון ווייטן דעם שאָטן פון חיה'ן, זיינען מיר הענדום־פּענדום אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן ערגעץ אין די שטובן אין אַ מלבושים־שאַנק. איינמאָל דערציילט אונז די דינסט, אַז חיה וועט שוין מער נישט קומען. זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן וואַסער ביינאַכט, ער־גען נעבן אַ געדיכטן וואַלד. מיר קינדער האָבן זיך שטאַרק געפרייט מיט דעם; און פון דאַמאָלט אָן האָבן מיר זיך געשפּילט ביז שפּעט ביינאַכט. אַז מ'האָט געוואָלט עמיצן אָנסטראַשן, האָט מען געגעבן אַ געשריי „אוי חיה גייט"... אָבער חיה איז שוין קיינמאָל מער נישט געקומען צו אונז. גויים האָבן געפונען איר קערפּער ערגעץ ביי אַ ווייסל־ברעג. אָבער דאָך האָבן מיר געבענקט נאָך די געשטאַלט פון חיה'ן מיט איר געפּאַק אויף די פּלייצע. ס'האָט אונז געלאָקט דאָס סודותדיקע וואַרפן זיך פון די הינער, און איר אייביקן שווייגן אין דער פאַרהיל־טער קאָפּ אין פּנים, עפּעס אַזאַ נישט טאָג־טעגלעך געשטאַלט.

נאָך מער שרעק האָבן מיר געהאַט פאַר ציפּע די הייבאַם. זי איז געווען אַ



נידריקע, אַ דיקע, מיט אַ רונדיק פּנים, מיט גרויסע קעצישע אויגן, וואָס האָבן שטענדיק געקוקט פאָרויס און דערשראָקן, און שטענדיק איז זי געווען גע־קליידט אין שטאַרק שוואַרצע קליידער, געטראָגן אויף איר האַלז שוואַרצע טאָפּלטע קרעלן, אויפן קאָפּ געטראָגן אַ פעך־שוואַרצן שייטל, און תמיד גע־האַלטן אַ שירם אין האַנד. גייענדיק האָט זי גערוקט מיט די פיס, ווי אַ שאָטן. מ'האָט זי גערופן ציפּע די מכשפה. יידישע מאַמעס האָבן זי קיינמאָל נישט גע־רופן אָפּנעמען זייערע קינדער. מען האָט זי געהאַלטן פאַר נישט מזלדיק. אין איר שטוב האָט זי געהאַט אַ קאַץ, זער אַ גרויסע שוואַרצע קאַץ מיט אַן אָפּגע־האַקטן עק. פיל מאָל פלעגט די קאַץ איר נאָכלויפן. קינדער האָבן געזאָגט, אַז דאָס האָט ציפּע געבוירן די קאַץ. ציפּע איז דווקא געווען זער אַ שטילע, אַ גוטע, זער ווייניק גערעדט, אָבער איר פּנים מיט די קעצישע אויגן, און די שוואַרצע קליידער, האָבן איר געמאַכט אָריגינעל, און קינדער האָבן שטאַרק מורא גע־האַט פאַר איר בלויזן קוק אָדער געשטאַלט.

געוווינט האָט זי ערגעץ אין באָד־געסל, אין אַ קליינע הילצערנע הייזקע. ביינאַכט נאָך צוועלף אַזייגער, האָבן ווייבער זיך געשראָקן אַדורכצוגיין ציפּעס הייזקע. שטענדיק האָט מען געהערט מיאַוטשן, דאָס, האָט מען געזאָגט, זיינען שדים געקומען צו גאַסט צו ציפּן דער הייבאַם. אין דער ווייבער־שול האָבן ווייבער אויסגעמיטן צו זיצן נעבן ציפּן. מאַמעס האָבן זייערע קינדער באַהאַלטן אונטער די פאַרטוכער, כדי אויסצומיידן די בליקן פון ציפּן. ווייל ציפּע האָט שטאַרק ליב געהאַט קינדער. אָט דאָס אַלעס האָט ציפּן ווי געטון שווייגנדיק. איינמאָל איז ציפּע אַוועק צום שטעטלדיקן טייך, מיטגענומען איר קאַץ, אַריינ־געלייגט אין זאַק אַריין אַ שווערן שטיין און זיך געוואָרפן מיטן שטראָם פון וואַסער. מ'האָט נישט געוווסט ווו ציפּע איז ערגעץ אַוועק.

אין חדר האָט מען זיך דערציילט פאַרשידענע מעשיות וועגן ציפּע די הייבאַם. ביז ערב פּסח, ווען זיינוול פישער מיט די חברה האָבן געפאַנגען פיש, ביי פישל רובינס טייך, האָבן זיי געפונען דעם קערפּער מיטן זאַק און שטיין, פון ציפּע די הייבאַם.

---

שמואל וועהייט

## ספקות

איך זע דעם הענגענדען־קוש,
אויף דיין ציטערענדע ליפּ,
און פיל דעם ספקות־סם
אין דעם לאַנג געגאַרטן זיפּ.

מורמלען ליפּן ווערטער שטיל,
וואָס פרירן יעדעס אבר,
ווערטער — טיף באַגראָבענע,
וואָס שטוקען אין האַרצנס־קבר.

איך זע דעם הענגענדן־קוש,
אויף דיין ציטערנדער ליפּ,
און דערפיל דאָס ספקות,
ביז אין דער זיבעטער ריפּ.

---

## בן־אַ. סאַכאַטשעווסקי

## דער דיכטער

1

ווען זון איז פֿאַרגאַנגען אין אָוונט־געטונקל,
און בענקשאַפֿט האָט זיך אין דעם גאָרטן צושפּרייט,
בין איך נאָך געזעסן אַליין אונטער בוימער
אין חלום פֿון יאָרן, אין חלום פֿון צייט.

אַמאָל האָט די שטילקייט פֿון זומער־פֿאַרנאַכטן,
אַזוי ווי אַ סוד איבער קאָפּ זיך געשפּרייט,
געציטער, געמורמעל פֿון האָפֿן, דערוואַרטונג
אין אָפֿענע אָרעמס פֿאַר גליק און פֿאַר פֿרייד.

דער הימל אין בלויקייט, די ערד אין איר רוען,
אין צויבער פֿון שווייגן ווערט נאַכט אויסגעשפּרייט,
זיצט איינער אַליין נאָך אַ דיכטער פֿאַראיינזאַמט,
אין גאָרטן־זכרונות, פֿאַרגעסן פֿון צייט.

2

שיינט אויף נאָר די זון אין איר גינגאָלד־פֿרימאָרגען,
און וועבט אירע שטראַלן אין פֿענצטער אַריין,
דערוואַכט בעל הלומות פֿון וועלטן פֿון ווייטע,
און פֿילט זיך שוין מער ניט פֿאַר׳יתומ׳ט אַליין.

אין גינגאָלד פֿון זון אין פֿרימאָרגן צושאָטן,
אויף הענט פֿון הרחבה מיט בעכערס פֿון ווײַן,
טרינקט אָן זיך אַ דיכטער מיט יונגע חזיונות,
און זינגט אין דעם פֿרילינג זיין פֿרייד אויך אַריין.

אין גינגאָלד פֿון זון טראָגט זיך דורך די מרכבה,
דאָס געטלעכע ליכט פֿון דעם אייביקן זיין,
און תפֿילה דורך ליד און דאָס ליד דורך דער תפֿילה
ווערט לויב־געזאַנג בלויז צו דעם בורא אַליין.

3

ווערט טיילמאָל צו שווער אויך דער וועג פֿון אַ דיכטער,
וואָס גייט אום אַ שטילער אין גאַסן־געשריי,
און ס׳פֿרעגן זיך שאלות, וואָס בלייבן אָן ענטפֿער,
שאלות פֿון יאָרן פֿון לאַנג שוין פֿאַרביי.

פֿאַר וועמען געשריבן, פֿאַר וועמען געזונגען,
ווען קיינער דערלאַנגט ניט קיין פֿריינטלעכע האַנט,
אַזוי ווי ער וואָלט בלויז אַ שאָטן געוועזן,
אַ מענטש שוין אָן אַלטער צו קיינעם באַקאַנט?



ער האָט דאָך געווינט אויף דעם צער פֿון דער מאַסע,
געצונדן בטחון אין יעדערענס בליק,
צעוואָרפֿן זיין ליכט אין דעם חשכות פֿון מוחות,
און פֿלאַמיק גערופֿן צו פֿרייהייט און גליק.

איצט טראַכט זיך געדאַנקען, אַזוי, אָן שום טענות,
געדאַנקען וואָס ווערן פֿאַרוואַנדלט אין קול,
אַז לידער געזונגען, אַז לידער געשאַפֿן,
וועט נאָך איבערזינגען די צוקונפֿט אַמאָל.

---

## רחל מירסקי

## די פּראַגע

אין אַ קאַלטן נאָוועמבער נאָכמיטאָג, ביי מיין פֿריינדין צפּורה אין שטוב: עס ברענט אַ פֿריילעכער פֿייער אין דעם אָפֿענעם קאַמין, די פֿלאַמען שפּיגלען זיך אין דעם פּאָלירטן מעבל. די פֿיס פֿון טיש און פֿון די שטולן זען אויס ווי קליינע פֿייער זיילן; די פֿאָרהאַנגען איבער דעם גרויסן פֿענצטער זיינען פֿאַרצויגן. דאָס ליכט וואָס פֿאַלט אויף דער שטוב, פֿון דעם עלעקטרישן לאָמפּ, וואָס שטייט אין אַ ווינקל, זעט זיך זער ווייניק. און אונטער דעם טונקלען אַבאַזשור איז די וואַרימע רויטקייט פֿון דעם פֿייער צולייגט איבער אַלעם אין דער שטוב.

אין אַ צווייט ווינקל געפֿינט זיך אַ ראַדיאָ. אויף דעם געבעטן שטול וואָס שטייט דערנעבן ליגט אַן אָפֿן בוך ווי אויך אַ האַנד אַרבייט מיט אַ קנויל וואָל צום שטריקן. אַ שענקל מיט ביכער, אַ וואַזע מיט בלומען אויף דעם שענקל. אויפֿן טיש צייטונגען, זשורנאַלן, אַ גלעזערנע וואַזע מיט פּרוכט. אַרום אויף די ווענט אייניקע בילדער און פֿאָטאָגראַפֿן, נעבן דעם קאַמין אַ ווייכער וואַרימער טעפּיך. אַלעס צוזאַמען גיט דער שטוב אַ געמיטלעכן אַנגענעמען כאַראַקטער.

איך זיץ אַנטקעגן מיין פֿריינדין. אַ קליין טישל שטייט נעבן אונז מיט אַלע נייטיקע זאַכן צו סערווירן טיי.

מיט דער טאַס טיי אין האַנט זאָג איך: „צפּורה, דו ווייסט נאָך וואָס איך בין היינט געקומען? דאָס מאָל וועסטו מיך נישט אָפּ׳פּטר׳ן מיט אַ לייכטן ענטפֿער! איך וויל און מוז וויסן וואָס עס איז מיט דיר! איך וועל נישט אַוועק פֿון דיר ביז איך וועל נישט הערן די אורזאַך פֿון דיין זיין דערווייטערט פֿון אַלע. מיר האָבן מער ווי איין מאָל גערעדט וועגן דעם, וואָס עס ווערט פֿון מענטשן, וואָס לעבן אַזוי ווי דו! עס דויערט גאָרנישט לאַנג, איז מען פֿון אַלעמען פֿאַרגעסן. מען דערזעט פּלוצלינג אַז מען האָט נישט קיינעם. עס דאַכט זיך דאַמאָלט אויס, אַז מען איז געבוירן פֿון זיך אַליין. צפּורה, דו ווייסט זער גוט, אַז מיר זיינען נאָר דאַמאָלט אַ ווירקלעכקייט ווען אַנדערע זען אונז. „וואָס איז מיט דיר?״ האָב איך אָננעמענדיק איר האַנט געפֿרעגט מיט

ווייכקייט, „דערצייל מיר, עס וועט זיין בעסער אַז דו וועסט רעדן איבער דעם, אפשר וועל איך קענען עפּעס העלפן“.

צפּורה קוקט אויף מיר אַ מאָמענט, זי נעמט די האַנט־אַרבעט, וואָס ליגט נעבן איר אויפן שטול. מיט אַ שמייכל זאָגט זי: „וועסט מיר נישט פאַראיבל נעמען, אַז איך וועל אַ ביסל שטריקן? עס רעדט זיך לייכטער, אַז מ׳טוט עפּעס און עס העלפט אויך זיך אויפצושטעלן, ווען מען דערפילט אַז מ׳הויבט אָן צו רעדן צופיל אָדער גאָר צו זאָגן נאַרישקייטן“.

„ווי אויסגערעכנט דו ביזט, צפּורה“, האָב איך צוריק געענטפערט, און צוגעגעבן: „קענסט טון וואָס דו ווילסט אַזוי לאַנג ווי דו וועסט מיר דערקלערן דאָס נאָך וואָס איך בין געקומען“.

„דו געדענקסט ווען מיר האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל געטראָפן?“ פרעגט צפּורה, „איך בין זיכער אַז דו געדענקסט!“

„אוודאי געדענק איך!“ האָב איך אויסגערופן. „דאַכט זיך, עס איז אויך געווען אין דער זעלבער צייט פון יאָר, נאָוועמבער“.

„יאָ, דאַכט זיך אַזוי, געוועזן צו אַ לעקציע אין דער ווייטשעפּל אַרט גאַלעריע, דאַמאָלט האָבן מיר זיך טאַקע באַקענט, רעדט ווייטער צפּורה. „אָ, איך האָב לאַנג געדענקט דעם בליק דיינעם, וואָס דו האָסט מיר דאַמאָלט צוגעוואָרפן. דו האָסט דאַמאָלט געטראַכט, ווי קען אַ דערוואַקסענער מענטש אַזוי אומדרייסט זיין און זיך אַזוי פאַרלירן ביים שטעלן אַ פראַגע“.

„גלויב מיר, צפּורה, אַז איך ווייס נישט וואָס איך האָב דאַמאָלט געטראַכט“, האָב איך שנעל געזאָגט. „איך ווייס נאָר אַז זינט יענעם מאָמענט זיינען מיר פריינט“.

צפּורה רעדט ווייטער ווי זי הערט גאָרנישט וואָס איך האָב געזאָגט:

„ווען אַ מענטש איז אַזוי, אָדער אַנדערש, איז תמיד אַ סיבה דערצו. גלויב מיר, אַז זער אָפט פאַראַכט איך זיך אַליין פאַר מיין שוואַכקייט. וואָס עלטער איך ווער, אַלץ בעסער פאַרשטיי איך מענטשן, און זיך אַליין פאַרשטיי איך אַמבעסטן. זעסט דו מיין ליבע, היינט פאַרשטייט מען, אַז די ערשטע איינדרוקן, וואָס אַ קינד נעמט אויף אין זיך, בלייבן פאַרן גאַנצן לעבן. ווען איך בין געבוירן געוואָרן האָט מען דאָס נישט פאַרשטאַנען. דאַמאָלט זיינען עלטערן אַליין געווען ווי קינדער, וועלכע מען האָט געדאַרפט דערציען. עלטערן האָבן ליב געהאַט זייערע קינדער, האָבן זיך אומגעברענגט אַז דעם קינד איז עפּעס געווען, האָבן נישט ווייניקער געליבט די קינדער ווי די היינטיקע מוטערס. דער אונטערשיד איז אָבער, אַז די פרימיטיווקייט מיט וועלכער זיי האָבן די קינדער געליבט און דערצויגן, האָט מאַנכן קינד שאָדן געברענגט. ווען איך וועל דיר זאָגן אַז מיין מוטער איז שולדיק אין דעם וואָס איך בין אַזוי, וועסטו נישט גלויבן“.

איר פּנים איז געוואָרן ערנסט, ווען זי האָט דאָס געזאָגט. די טיפליגענדע אויגן זיינען נאָך טיפער געוואָרן, ווי זי וואָלט אַריינגעקוקט אין זיך. אירע נאָך פולע רויטע ליפּן זיינען עטוואָס פייכט געוואָרן:



„ביי מיינע עלטערן בין איך געווען די ערשטע געבוירן צו ווערן“, זאָגט זי ווייטער, אַוועקלייגנדיק די האַנט־אַרבעט אויף דער שויס, „בין געווען אַ קרענקלעך קינד. מיין מוטער האָט זיך תמיד באַקלאָגט וועגן דעם וואָס זי האָט פון מיר אויסצושטיין. איך בין געוואַקסן, עלטער געוואָרן, תמיד געהערט דאָס זעלבע וועגן מיין אָפט קראַנק זיין. דאָס האָט זיך געלייגט אויף מיין קינדישן געמיט, איך האָב דערפילט ווי אַ פאָרוואורף און דער געפיל איז מיט מיר אַזוי מיטגעוואַקסן. וואָס מער איך האָב פאַרשטאַנען, אַלץ מער האָב איך מיך געפילט שולדיק. עס איז אמת, מיין פאָטער האָט מיר אַ סך פאַרגיטיקט, איך האָב געהאַט אַ גרויסע טיפע ליבע פון אים, אָבער דער מסחר, וואָס מיין פאָטער האָט געפירט, האָט פאַראורזאַכט, אַז ער איז אָפט געווען אַוועק פון דער היים. ווען מיין ברודערל איז געבוירן געוואָרן, האָט זיך מיר תמיד געדאַכט אַז מיין מוטער האָט אים ליבער ווי מיך. אוודאי האָט מיין מוטער מיך ליב געהאַט, איך האָב אָבער דורך ווערטער קיינמאָל דאָס פון איר נישט געהערט. מיינע עלטערן זיינען יונג געשטאָרבן, דעם גורל פון קינדער וואָס בלייבן אָן עלטערן ווייסט יעדער. כ׳בין פרי אַלט געוואָרן, זיך אויפגעהערט צו שפּילן מיט אַנדערע קינדער. כ׳בין אויפגעוואַקסן, אַרויס אין דער וועלט, אָבער איך האָב זיך קיינמאָל נישט געקענט באַפרייען פון מיין פילענדיקע ׳שולד׳. עס דאַכט זיך תמיד מען איז נישט ווי אַנדערע, מען מיינט נאָר, אַז אַנדערע זיינען שענער, בעסער, קלוגער, און אויך גליקלעכער. זעסטו, מיין ליבע, יענער עפּיזאָד אין דער אַרט גאַלעריע האָט מיך גאָר צעטומלט. כ׳האָב לאַנג נאָכגעטראַכט, איידער איך בין געקומען צום באַשלוס, אַז עס איז בעסער אַזוי“.

יאָ, איך האָב גוט געדענקט יענעם עפּיזאָד, ווען צפּורה האָט זיך אויפגעשטעלט צו שטעלן דעם רעדנער אַ פראַגע. זי איז אומנאַטירלעך רויט געוואָרן, דאָס פּנים און דער ענטבלויזטער האַלז האָבן ביי איר געפלאַמט. זי האָט געפילט איר אויסזען, דערפון איז זי צעטומלט געוואָרן. די פראַגע איז אַרויסגעקומען נישט קלאָר, זי האָט איבערגע׳חזר׳ט איניקע מאָל די זעלבע ווערטער. דאָס רופט תמיד אַרויס אַ גרינגשעצונג ביי די אַנוועזנדע. אַ פאַרשעמטע האָט זיך דאַן צפּורה צוריקגעזעצט, מיט אַ פאַרשעמטן און פאַרלוירענעם בליק געקוקט אַרום זיך. עפּעס האָט מיך באַוויגן צו זיין נעבן איר, ווען דער לעקטשור האָט זיך געענדיקט. מיר זיינען צוזאַמען אַרויס, איך האָב דאַמאָלט צו איר דאָס ערשטע מאָל גערעדט. איך האָב דאַמאָלט געמאַכט איניקע זייטיקע באַמערקונגען צו איר, זי האָט אָבער פאַרשטאַנען מיין כוונה. איניקע סעקונדן האָט זי אויף מיר געקוקט מיט איר פאַרלוירענעם בליק. „עס איז אַזוי נאַריש“, האָט זי דאַמאָלט געזאָגט, עס האָט געקלינגען ווי מיט געוויין, „איך וואָלט געקענט שרייען פון שאַנדע פאַר מיין שוואַכקייט, אין וועלכער איר האָט מיך נאָר וואָס געזען“.

די דערינערונג איז מיר אַדורך דורכן געדאַנק איצט זיצנדיק אַנטקייגן צפּורה׳ן. „איך האָב מורא צו רעדן איבער דער שוואַכקייט מיינער“, האָט זי דאַמאָלט געזאָגט. „זער אָפט האָב איך די בעסטע געדאַנקען, און ביז איך מאַך

מיר מוט זיי אַרויסצוזאָגן, הער איך ווי עמיצער אַנדערש זאָגט מיינע געדאַנקען, און אַזוי בלייב איך תמיד נישט באַמערקט".

איך בין געזעסן אייניקע מינוטן פאַרטראַכט וועגן יענעם עפּיזאָד און האָב נישט געהערט וואָס צפורה האָט גערעדט.

„דו הערסט נישט וואָס איך זאָג", האָט צפורה באַמערקט.

„אָ יאָ", האָב איך געענטפערט זיך אויפכאַפּנדיק פון מיין פאַרטראַכטקייט.

„איך הער דו זאָגסט אַז איצט וועל איך פאַרשטיין, פאַרוואָס דו ביזט געקומען צו דעם באַשלוס".

„יאָ, מיין פריינט, איצט וועסטו פאַרשטיין, אַז איך זאָג, מיינע קינדערישע איבערלעבונגען זיינען צו מיר צוגעוואַקסן, פון וועלכע איך וועל מיך שוין קיינמאָל נישט באַפרייען. איין זאַך וויל איך דיר נאָך זאָגן. עס איז געווען אַ צייט ווען עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך בין פון דער שוואַכקייט מיינער אויסגעהיילט. דאָס איז געווען ווען איך האָב חתונה געהאַט. מיין מאַן האָט מיך פאַרשטאַנען, און מיר געהאָלפן. כ'בין געוואָרן זיכער און דרייסט, איך האָב דערפילט, וואָס ליבע און פאַרשטענדניש קען טון. כ'בין געווען דאַנקבאַר, אין דער שטיל געבעטן, אַז מיין לעבן זאָל תמיד זיין אַזוי פרידלעך און זיכער. מיין גורל האָט אָבער אַנדערש געוואָלט. נאָכן טויט פון מיין מאַן האָט נישט לאַנג גענומען, און איך בין ווידער געוואָרן די זעלבע, ווי געווען. איצט וועסטו אויך גלויבן ווען איך זאָג אַז מיין קינדהייט איז צו מיר צוגעוואַקסן, און דו וועסט דיך אויך נישט וווּנדערן, אַז איך האָב זיך פון אַלע צוריקגעצויגן, עס איז בעסער אַזוי".

זי האָט נאָך לאַנג גערעדט מיט האַרץ און געפיל וועגן איר לעבן אַלס קינד. ווען איך האָב מיך געזעגנט צו גיין אַהיים, בין איך געווען זיכער, אַז דאָס וועט שוין נישט זיין מיין פריינדינס לעצטער באַשלוס.

„איידער איך גיי וויל איך דיר נאָר זאָגן, צפורה, דו זאָלסט נישט מיינען, אַז מיין לעבן איז תמיד געווען ראָזע, דאָך בין איך צופרידן, וואָס כ'בין געבוירן געוואָרן. און איצט, צפורה, אַז דו ווייסט שוין די אורזאַכן, וועלכע האָבן דיר שאָדן געטון", האָב איך קוקנדיק אויף איר מיט אַ שמייכל געזאָגט, „איצט האָב איך נישט קיין מורא, בין נישט מער באַזאָרגט וועגן דיר".

ווען איך האָב געעפנט די טיר צום אַרויסגיין האָב איך נאָך צוגעגעבן מיט אַ פריילעכן געלעכטערל: „דעם קומענדיקן שבת וועט זיין אַ לעקציע אין דעם זעלבן זאַל, מיר וועלן גיין הערן וואָס דער רעדנער וועט האָבן צו זאָגן, אפשר וועסטו דאָס מאָל שטעלן דיין פראַגע!" און דערמיט בין איך אַוועק.

„פאַריזער צייטשריפט"

3-מאָנאַטליכער זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, קונסט און קולטורעלע פּראָבלעמען.
1 פונט יערלעך. 5/6 איינצעלנע נומערן. פּאָסט פריי.
פאַרטרעטער אין ענגלאַנד:
M. BECKERMAN, 10 Ennismore Avenue, London, W.4.



א. נ. שטענצל

## צוויי לידער

1

אין פינגער־דרוק מען קאָן דערקענען דעם מערדער,
דער ציטער אין די אויסגעצערטע פינגער!
מיט זיי דעם האַלדז צום לעצטן מאָל אַרומנעמען,
און ס'וואָלט מיר געוואָרן אויף אייביק גרינגער.

די עכטע, די צוויי סמנים פונם לעבן,
איך דערטאַפּ זיי, דעם כאָרכלער און דעם שלינגער!
אַ נישט דערוואָרגענער, אַ פויגל אין דער לופט,
פלאַטערט באַפליגט אויף ס'האַרץ פון זינגער.

דו, קיינמאָל דו וועסט אים נישט אָפּמעקן קענען,
דעם דרוק פון מיינע צער־גליסטיקע פינגער — —
מיין ציטערדיק, אויסגעצערטער לוסט־געצערטל,
אַ מערדער נאָך געוואָרן, געווען כ'וואָלט ייִנגער.

איין פינגער־דרוק בלויז מאַכט איינעם פאַר אַ מערדער,
ערשט ביז צום טויט, אַ האַרץ־דרוק ביי אַ זינגער!
אויף דיין האַלדז דער ציטער פונם פרעמדן אָטעם,
צינגלט גיפּטיק מיט צישנדיקע צינגער — — —

אָ, דעם מענטשלעכן לייב באַצווינגען צו קענען,
מען מוז זיין שלאַנגען־באַשווערער, לייבן־באַצווינגער;
דער אייגענער גוף אַזאַ פאַרריגלטער שטייג —
דורך אייזערנע גראַטעס צו קוקן דורך די פינגער.

2

אַזוי טויט־שטיל, אַזוי פאַרגליווערט גרוי,
קיין גרינגסט באַוועג אין מיינע געהירן,
ווי אונטער גראַטעס איך וואָלט געזעסן,
אונטער פאַרהאַקטע, פאַרריגלטע טירן.

אויסגעגעסענע, ראָסט־פאַרזשאַווערטע,
הענגען די וויעס טיף איבער די אויגן. —
עמעץ אין מיר שטעלט זיך אויף שפּיץ־פינגער,
נאָר די פיס־קנעכל ברעכן זיך און בויגן.

צוזאַמגעפאַלן, צוזאַמגענורעט,
אַ פאַרגליווערטער מיטן אין לויערן —
אויף־אַלע־פיר, אַ טויט־פאַרשלאָגענער,
שפּיצן זיך נאָך שטייף ציטערדיקע אויערן.

אַזאַ שטרענג געגיי פון תפיסה־וועכטער,
אין טונקעלע הילכיקע קאָרידאָרן;
אַן איינציק וואָרט בלויז אויפכאַפּן געקאָנט,
איך וואָלט אַזוי פאַרגליווערט נישט געוואָרן.

פון איבערן שטערן, פונם באַלטן,
פון יענער זייט וואַנט טעמפּיק אַזאַ קלאַפּן!
אַן אות צו אַן אות טוליעט זיך צונויף
בלינדע ערגעץ־ווו ווילן זיך דערטאַפּן:

— הער, פון ווייטן נאָר יענער שליסל־קלאַנג,
איידער עס עפענען זיך אויף די טירן,
דעם געפאַנגענעם פון זיין תפיסה־צעל,
אויף־דער־פריי, צום „וועגטל" אַרויסצופירן.

— אַן אייביקייט דויערט ביז מ׳הערט דעם קנאַל,
ווען מ׳שטייט אַזוי מיט פאַרבינדענע אויגן!
— ערשט דעמאָלט אַ באַרואיקטער מען ווערט,
אַ טויטער אויף דער ערד מ׳ליגט אויסגעצויגן.

ווען אין האַרץ אַריין די קויל קומט געפלויגן.
און אַלץ נישטיקע, וואָס געווען, וואָס געשען,
אַ חלום, „נישט געשטויגן נישט געפלויגן".
הער, די דערלייזונג קומט ערשט שטיל צו גיין.

## דו, הייליקע גענאַד ווידער גענען

אַ חלום פון אַ פאָלק אַ פּתרון האָט,
אים באַשיידן מען מוז נאָר קענען — אָט!
אויפפלאַמען ער טוט פריידיק אויף שאַפּאָט,
און געאייביקט מיטן לעצטן אחד.

דער חלום פון פאָלק קיינמאָל נישט אויפהערט,
אין טויזנט גילגולים מגילגול ער ווערט;
ער איז ווי פריש אויפגעריסענע ערד
פאַרזייט צו ווערן ז׳ווערט איבערגעקערט.

אין מיין טאַטנס בליק נאָך כ׳האָב אים געזען!
און ווען אין ישראל איך בין געווען,
(דו, הייליקע גענאַד ווידער גענען!)
מיט מיינע אייגענע אויגן געזען,
די באַשיידונג פונם חלום געשען.



יחזקאל בראַנשטיין

## שרייבער, ווי אַ טעמע — פאַר שרייבער

ווען אַ שרייבער, דערצו נאָך אַ בעלעטריסט, ווי טאַלאַנטפול און קלוג ער זאָל נישט זיין — נעמט די שרייבער גופא פאַר דער טעמאַטיק פון זיינעם אַ גאַנץ בוך נאָוועלן, איז ער זיכער עלול, נישט נאָר צו פאַר׳חוזקן און מינימיזירן, פאַרניינען און כמעט אינגאַנצן מבטל זיין יעדן שרייבער פון זיין קאַליבער אָן אויסנאַם, און ברענגען צום אויסדרוק זיינע כלומרשטע קרעדאָס וואָס פאַרלירן זיך בטבע אין דעם קרענקלעכסטן אויפוואַך פון די פאַנטאַסטישע זעאונגען אויף אַ הינטערגרונט פון פלפול, וואָס גרעניצט זיך ממש מיט די זעלטענסטע שטותעריען, נאָר, ער איז דער עיקרשט אויך קאַפּאַבל זיך אַליין אומדירעקט צו פאַראידעאַליזירן אונטער יתרו׳ס נעמען, דערהויבן־און־דערהויכן זיך צו די שווינדלדיקסטע הויכן פון אומגלויבלעכער הויך און אויסזען.

די עצם טענדענץ און אַקט פון אַרויספירן און דערהויבן זיך אַליין אויף דעם חשבון פון אַנדערע, איבער דער גאָרער שרייבערישער וועלט פון זיין צייט און דור, דערצו נאָך מיט דעם צומיש פון וועלטלעכע שרייבער אין אַנדערע ליטעראַטורן —ווי אַן אויסנעמלעכער פּרט, קען נישט זיין קיין ערלעכע און עכטע, און איז געוויינלעך פאַרוואָרצלט אין דעם אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס פון דעם נעמלעכן שרייבער, מיט אַן אויסגעשפּראָכענער, אָפּט אַ פאַרהוילטע טענדענץ צו שונד, וואָס דינט אים דאָ אגב ווי אַ הינטערגרונט צו זיין דורכאויס פאַרדעקטער רשעות, עקסצענטרישקייט און צעשוווּמענקייט.

די תשוקה אַרויסצעהויבן בלויז יענעמס שוואַכקייטן מיט דעם כּוח פון ביטול און דעמאָנסטראַטיוו פאַרזען און איגנאָרירן דאָס פּאָזיטיווע אין יענעמס שאַפן, פירט בלויז צו ציניזם און וואַרפט נאָר אַ שלעכט ליכט אויף דער אייגענער אַרבעט וואָס גרענעצט זיך בטבע בלויז מיט מלאכה, פוסטקייט און שוואַכקייט זיך אינטענסיוו צו יאָגן צו דעם סאַמע פאָדערגרונט פון דעם לייענערס אויפמערקזאַמקייט.

דער דערפאַרענער לייענער פון אונזערע טעג, לאָזט זיך אָבער מער נישט כאַפּן אויף דער ווענדקע פון אַזעלכע ליטעראַרישע שמד־שטיק, וואָס זיינען אייך לאַנגער אויסגוס פון רעטאָריק.

דער דערפאַרענער און היינטצייטיקער לייענער, וואָס איז אָפּט אַריבערגעוואַקסן אין עטיק און אין זיינע סענסיטיווע אויפנאַמס פעאיקייטן דעם אַזוי־גערופענעם „קלוגן" שרייבער — לאָזט זיך באַשטימט מער נישט פירן אין דעם חדר פון אַ רעטאָרישן ליטעראַטור־לאַבירינט, וואָס גרענעצט זיך נישט זעלטן מיט די דערפינדערישע שמד־שטיק פון אַ שרייבער וואָס האָט זיך דערקייקלט צו דעם מעטאָד פון רעקלאַמע פאַר זיין אייגענער וויניקייט, אין די ראַמען פון זיין בעלעטריסטיק, וואָס גרענעצט זיך שוין צוליב דעם אַליין, מיט אַן אַזוי־גערופענער ליטעראַטור־סאָפיסטיק.

דער דינער צומיש פון רעקלאַמע פאַר זיך אַליין און די אייגענע ווערטן, ווערט דאָ אַזוי־צו־זאָגן אַריינגעשמוגלט אויף אַ געשיקטן אופן, אין דעם סיפּור

המעשה פון אַ טעמאַטיק איבער די צווישנשרייבערישע באַציאונגען פון איין שרייבער צו דעם צווייטן שרייבערס ווערק.

די פאַרניינונג און חוזק פון אַ צווייטן שרייבערס ווערק באַשטעטיקט אָבער קיינמאָל נישט דעם פּאָזיטיוון ווערט פון דעם ערשטנס ווערק — דעם פאַרניינער און ציניקער.

די ווירקונג אויף דעם לייענער ווידער פון אַזעלכע פון־פינגער אויסגעזויגענע „ווערק" איז, אַ דורכאויס פאַרקערטע. און אויב עס געשעט אַ נס און אַזעלכע „קונסט־ווערק" פאַריאָגן בכלל נישט דעם בעסערן לייענער פון דער ליטעראַטור און איר געמויזעכץ פון אַזאַ אומווירדיקן כאַראַקטער, איז ער דערוואַקסן גענוג און אויך קלוג גענוג, מבטל צו זיין אַזעלכע ביכער און ווערק. ער ווייסט, דער לייענער — אַבסאָלוט, וואָס יאָ און וואָס נישט צו לייענען, אין הסכם מיט די בעסטע דערגרייכונגען פון אונזער וואָרט־קונסט, וואָס וואַרפט פון זיך אַליין אָפּ יעדן ליטעראַטור־שעטנז אונטער דעם פּרעטענציעזן און דורכאויס פאַלטשן אויסרייד פון וועלן זיין בעלעטריסטיק, דורך דעם אָנווענד פון דעם דיאַלאָג, חכמהדיקער זאָגעכץ און ביטול פון אַ צווייטנס קינסטלערישער באַציאונג און דערגרייכונג.

## משה ווילענסקי

## יידן און אומות העולם

אונזער קולטור און ליטעראַטור קען זיך נישט רימען מיט שאַפן אַ גרויסע פילאָזאָפיע אָדער טיפע וויסנשאַפטן, און דאָך: אין באַשטימטע צייטן און אונטער געוויסע אומשטענדן זיינען ענטדעקט געוואָרן איינצלנע הייליקע מאמרים, וואָס האָבן געהאַט מער באַדייטונג און ווירקונג ווי די גרויסע פילאָזאָפיע און זיי קריצן זיך איין אין האַרצן פון מענטשן, און זיינען אַנקערס אין די טיפעניש פון שטורמישע צייטן, ווי אַ שוץ־וואַנט קעגן פאַרדערבלעכקייט און צייט שטראָמונג, ווי אַ פאָן זאַמלט איין אַלע גלויביקע — די קליינע מאמרי קודש וואָרענען אונז און שיצן אונז. די ביבעל און אַנדערע הייליקע ספרים טאָר מען נישט לעזן ווי וויסנשאַפט, מען האַרף לעזן נאַאיוו אָן השערות און חקירות. „תמים תהיה וכו׳. איך געפינט נישט פיל אין אונזערע ספרים פאָרגעשריטענע דענקן און חקירות און איבערגעטריבענע פאָרשונגען, און ווען עס געפינען זיך ביי אונז ספרים, וואָס גריבלען זיך און זוכן יסודות אין די דערשיינונגען פון פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן און צווייפלען אין העכערע אידעאַלן פון אונזערע גייסטיקע אוצרות, ווי קהלת און איוב זיינען עדות נאָך ביז היינט, דאַן קומען די לעצטע ווערטער „את האלהים ירא ואת מצותיו שמור", קליג זיך ניט, „כי זה כל האדם". דאָס אַליין איז די גאַנצקייט פון מענטשן. און אויך איוב וואָס שטעלט פאַר די אויסערגעוועגלעכע שמערצן און שטאַרקע ליידן און נעמט צווייפלען, קומט אַן ענטפער וואָס ענדיקט זיך מיט קורצע ווערטער „נפלאות ממני ולא אדע". עס איז צו ווונדערלעך פאַר מיר און איך האָב נישט געוווסט.



דאָ ליגט דער אונטערשיד צווישן אונזער צווייפלען און די גריכישע צווייפלער. פראמיטיאוס דריקט אויס זיין צווייפל שרייענדיק אַז די געטער זיינען שלעכט, און ביי אונזער צווייפל ליגט אַ יסוד „צידק אתה ה׳" אָדער ווי דער ייד זאָגט „גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט".

די סיבה איז פשוט: די אַלע פעלקער האָבן באַשאַפן געטער, זיי האָבן אָנגעפילט דעם הימל מיט וועזנס פון זייער פאָרשטעלונג און מען פלעגט אויפשטעלן טעמפּלען פאַר פילע געטער ווי מען שטעלט אויף מצבות פאַר די מאָנאַרכן אָדער פאַר סתם מענטשן. מיר האָבן קיין געטער נישט באַשאַפן, מיר האָבן קיין טעמפּלען נישט געבויט פאַר זיי. ווי עס ווערט דערציילט אין תנ"ך איז ביי אונז די וויזיע פון אַ גאָט געווען אַן אַבסטראַקטע פאָרשטעלונג. דער גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב איז געווען אַ בלויזע פאָרשטעלונג, אַ לאָגישע אַנשויאונג. מיר דאַכט זיך אַז עס איז קלוגער צוצושרייבן אַלע דערשיינונגען פון דער וועלט און לעבן צו איין איינציקע סיבה ווי אָנצונעמען הונדערטער זיך ווידערשפּרעכנדע סיבות און נאָך אַלעמען ערשט האָבן פאַר זיך אַ חידה, אַ רעטעניש. אונזער תורה לערנט אונז אַז ס׳איז נישטאָ קיין אונטערשיד צווישן מענטשן. אַזוי ווי עס ווערט דערציילט אַז גאָט שיקט אַ שליח צו העלפן ישראל. ווען ער זעט אַז ברוטאַלע מענטשן באַפאַלן שוואַכע מיידלעך פאַרטיידיגט ער זיי, אָן רעפלעקסן און פילאָזאָפישע געדאַנקען.

ווען די אַלע אומות האָבן דערדריקט דעם יחיד׳ס פרייהייט, די מלוכה און די פירער זיינען געווען אַלעס, און דער יחיד האָט נישט געהאַט קיין רעכט און קיין פרייען ווילן, און ווען רוים האָט איינגעשלונגען כמעט די גאַנצע וועלט, דאַמאָלט האָט בן עזי אויסגערופן „זה ספר תולדות אדם, זה כלל גדול בתורה". גרויס איז ביים יידנטום פערזענלעכער ווערט.

אונזערע קורצע שפּריכווערטער און דערציילונגען זיינען מיט ליכט און העלקייט באַגאָסן. ווען נאָכ׳ן חורבן האָט אַ רוימישער שלעכטער קיסר אַרויפגעלייגט אויף די יידן גרויסע שטייערן און דורך דעם צוגענומען זייערע פעלדער און האָט זיי פאַראָרימט, האָט ר׳ יהודה פאַרגרינגערט די דינים און דאָס פאָלק איז געפאַלן אין יאוש, דאַן האָט בר קפרא זיי געטרייסט „בכל דרכיך". אין אַלע דיינע אומשטענדן, „דעהו", ווייס אים גאָט, „והוא יישר אורחותיך", און ער, גאָט, וועט אויסגלייכן דיינע וועגן. און אַזאַ קורצער עפּיגראַם האָט געגעבן בטחון דעם פאָלק. און אויף אַלע גזירות פלעגן זיי זאָגן „גזירה עבידא דבטלא", די גזירה וועט אייביק נישט זיין, דאָס האָט געלערנט סבלנות. אין הונדערטער יאָרן שפּעטער ווען מ׳האָט צוגענומען פון די יידן אין פּאָרטוגאַל אַלע ספרים און פאַרמאַכט אַלע בתי מדרשים און מ׳האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט די קינדער צו לערנען, האָט ר׳ יצחק סבא געזאָגט: עס איז דאָך אונז געבליבן אַ קליינע „ספר תורה", שמע ישראל ה׳ אחד, וועלכע מיר אַלע ווייסן אויסנווייניק. פאַר דער צייט איז גענוג דער פסוק זיי צו דערציען אין דער אמונה.

אין יעדער צייט, גוט אָדער שלעכט, האָבן מיר געפונען אַ מאמר אָדער אַ פסוק אין דער תורה, און דאָס איז געווען אַ פרשה קטנה שכל גופי תורה תלויים

וואָס האָט אונז באַגלייט אומעטום אין אַלעס וואָס מיר האָבן געטון, און דאָס האָט אונז אויפגעהאַלטן.

און איצטער, אין אונזער צייט, מוז זיין דער מאמר קדוש וואָס אין דעם ווענדט זיך אונזער הווה און עתיד. דער פסוק מוז זיין ולא תחללו את שם קדשי, ונקדשתי בתוך בני ישראל, אני ה׳ מקדישכם. דאָס איז געזאָגט געוואָרן צו די כהנים. היינטיקע צייט דאַרפן די אַזוי־גערופענע פרומע יידן, איך מיין די נטורי קרתא, כלומרשט נישט פאַרשוועכן גאָט׳ס נאָמען, דאָס הייסט דעם יידישן נאָמען — שרייבן שמוציקע פּאַסקווילן קעגן אונזער לאַנד און וואַרפן בלאָטע אויף אונזערע גדולים, רבנים און סתם ערלעכע יידן אין פאַרשידענע שפּראַכן, און פאַרגעסן מה יאמרו הגויים.

## פינף יאר — „די גאלדענע קייט"

די יידישע ליטעראַטור אין ארץ־ישראל האָט די טעג געפייערט אַ באַשיידענעם, אָבער פאַר אונדז אַלעמען אַ וויכטיקן יום־טוב. עס זיינען אָקאָרשט אַדורך פינף יאָר זינט עס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין תל־אביב די פיינע, ליטעראַריש־ערנסטע פערטליאָר־שריפט „די גאָלדענע קייט", אונטער דער רעדאַקציע פון אברהם לעווינסאָן און אברהם סוצקעווער. מען מוז זיך מודה זיין, אַז ביי דעם היינטיקן מצב פון דער יידישער ליטעראַטור און בפרט פון די פּעריאָדישע אויסגאַבעס, איז דאָס אַ וויכטיק געשעעניש, וואָס איז כדאי, אַז עס זאָל פאַרצייכנט ווערן. פינף יאָר כסדרדיקע אויסגאַבע פון אַ גוטן און אַ מוטיקן זשורנאַל אין יידיש און דווקא אין ארץ־ישראל איז אַ דערפאָלג, וואָס מאָנט ביי אונדז אַ האַרציקן שהחיינו. איז דאָס טאַקע אַ ליטעראַרישע שמחה סיי פאַר דעם יידישן שרייבער און סיי פאַר זיין לייענער. כמעט באַגלייך מיטן אויפקום פון מדינת־ישראל האָבן אַ פּאָר מוטיקע און עקשנותדיקע יידישע שרייבער מיט דער הילף פון דער הסתדרות העובדים געלייגט דעם יסוד פאַר אַ זשורנאַל, וואָס האָט זיך שוין ביי היינטיקן טאָג קונה שם געווען אַלס אַן ערנסטע ליטעראַרישע טריבונע פונם שאַפערישן יידישן וואָרט נישט נאָר אין ארץ־ישראל, נאָר טאַקע איבער גאָר דער וועלט, ווו יידיש שפּאַרט נאָך אָן. להכעיס די, וואָס ווילן שטיין און ביין פאַרלייקענען יידיש און זיך מיאש זיין פון זיין קיום, קומט צוגיין „די גאָלדענע קייט" און באַווייזט מיט יעדן נומער פון דאָסניי, אַז נישט נאָר יידיש לעבט ווייטער, נאָר אַז עס שלאָגן טיף און קוואַליק זיינע זאַפטיקע יצירה־כוחות. דערגייט טאַקע צו אונדז כסדר אין די גייסטיקע מדבריות פונם יידישן לעבן אַ שטאָלצער רוף קעגן אָפּהענטיקייט און געפאַלנקייט, פון אויפמונטערונג און התעוררות צו נייע שאַפערישע טאַטן. שפּינט אַזוי אַרום די „גאָלדענע קייט" ווייטער די פעדים פון דער יחוסדיקער גילדערנער קייט און פאַרבינדט דעם נעכטן מיטן לעבעדיקן היינט, ארץ־ישראל מיט די יצירה־צענטרען איבער גאָר דער וועלט. עס איז המשך אינם יידישן קיום.

צוואַנציק נומערן אָנגעפּיקעוועט מיט יידישער יצירה, פון דעם שענסטן און בעסטן, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט ביי היינטיקן טאָג צו געבן, זענען



ביז יעצט דערשינען. איז „די גאָלדענע קייט" געוואָרן די רעפּרעזענטאַטיווסטע צייטשריפט פון דעם מין נישט נאָר פאַר אַ סך יונגע, אויפגייענדיקע שטערנס אין ארץ־ישראל, נאָר זי איז אויך געוואָרן דער שאַפערישער אויסדרוק פאַר אַ ריי אָנגעזעענע קינסטלער און וואָרט־זאָגערס מחוץ פון ארץ־ישראל.

פאַר מיר ליגט יעצט דער לעצטער נומער (נומער 20) פון דער „גאָלדענער קייט", און ווי אַ סך פון זיינע פאָרגייער איז ער מלא וגדוש מיט כל טוב און רעפּרעזענטאַטיוו פאַר די בעסטע ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע כוחות אינם יידישן לעבן. די פתיחה האָט דוד־בן־גוריון מיט זיין „דער ווערט פון מענטש אין דער מדינה". אים פאָלגט מרדכי נמיר מיט זיין ביישטראַג וועגן די קולטור־געזעלשאַפטלעכע אויפטוען פון דער הסתדרות. יוסף אַפּאַטאַשו ז״ל פירט אונדז אַריין מיט זיין לעצטן ביאָגראַפיש־ליטעראַרישן עסיי אין די סודותדיקע וועגן פון זיין שאַפן. עס איז איינע פון די לעצטע אַרבעטן פונם גרויסן נפטר און וועט זיין פאַרדעם קומענדיקן ליטעראַטור־קריטיקער פון גרויסער חשיבות. זלמן שזר שרייבט וועגן „שוץ און אויסלייזונג", בעת מלך ראַוויטש, וואָס האָט זיך לעצטנס באַזעצט אין ישראל, מאַכט זיין יידיש־אַמעריקאַנישן חשבון־הנפש. אויפן פאָן פון דער דריי הונדערט יאָריקער געשיכטע פאַרעפנטלעכט בצלאל שערמאַן אַ ביישטראַג איבער „די גרעניצן פון דער יידישער אַמעריקע". גאָר רייך אין מאַטעריאַל איז דער פּאָעטישער טייל פונם זשורנאַל. עס זענען צווישן אַנדערע פאַרטרעטן ה. לייוויק, וואָס שרייבט נאָך אַחוץ דעם אַ טרויער־וואָרט אויפן טויט פון יוסף אַפּאַטאַשו, חיים גראַדע, א. לעיעלעס, אריה שמרי און ראובן אייזלאַנד. צווישן די דערציילער געפינען זיך שלום אַש („אין בבל"), דעם יונגן טאַלאַנט ישעיהו שפּיגל, אונדזער א. מ. פוקס, יהודה בורלא, ש. מילער („אָפּגעשפּאָרט") און מענדל מאַן. מיט ליטעראַרישע און קריטישע עסייען באַט׳ליקן זיך נאָך צווישן אַנדערע דוד פינסקי („די געשיכטע פון מיין דראַמע : די פאַמיליע צבי"), ש. האַלקין („בערל קאַצענעלסאָן"), שלמה ביקל („דער היסטאָריקער יעקב שאַצקי"), מ. דוואַרזשעצקי, י. זרובבל, א. מוקדוני („יידישע קולטור אין אַמעריקע"), עמנואל ראַמאַנאָ („ח. גליצענשטיין"), יעקב מייטליס („דער אומבאַקאַנטער נביא"), נתן גורן־גרינבלאַט („דער אינדיווידואַליזם און זיינע גלגולים"), א. סוצקעווער („קורצע באַשרייבונגען") און ג. קרעסעל („א היסטאָרישע פּאָלעמיק וועגן דער יידישער ליטעראַטור").

אין דער אָפּטיילונג „שרייבער און ווערק", שרייבט מארק שאַגאַל וועגן דעם פּאָעט אלחנן וואָגלער און די קריטיקערין גיטל מייזיל וועגן דעם נייעם בוך „תהום פעור" (אָפענער תהום) פון א. מ. פוקס, וואָס איז נישט לאַנג אַרויס אין אַ העברעאישער איבערזעצונג. יעקב הדס שליסט אָפּ דעם וואָגיקן באַנד מיט אַ קאַפּיטל זכרונות : מאָריס ווינטשעווסקי וועגן ציוניזם".

עס איז נישטאָ יעצט דער אָרט זיך באַריכותדיק אָפּצושטעלן אויף די פאַרשיידענע פאַרעפנטלעכטע אַרבעטן און דערציילונגען. אפשר וועט מיר נאָך אויסקומען דאָס צו טאָן ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט. דערווייל וויל איך אָבער זאָגן אונדזערע פריינד אין ארץ־ישראל, אַז מיר דאָ, אין ענגלאַנד, פרייען זיך

מיט זייער שמחה און שיקן זיי איבער אַ סך האַרציקע ברכות און גוטע ווונטשן צו זייער פאַרדינטן דערפאָלג. זאָלט איר צוזאַמען מיט אונדז זוכה זיין, אַז „די גאָלדענע קייט“ זאָל האָבן אריכות ימים, אַז זי זאָל וואַקסן הן אין איכות און הן אין כמות, און זאָלאויף לאַנגע יאָרן ווייטער שפּינען דעם גילדענעם פאָדים פון יידישן המשך.

עמעס.

---

## אליהו פאַלושאַק

### שמועסנדיק אזוי וועגן א ירושה (דיסקוסיע)

טימ עטלעכע וואָכן צוריק האָב איך דערהאַלטן פון דער גרופּע „פרייע אַרבעטער־שטימע“, לאָנדאָן, אַן איינלאַדונג צו „אַ וויכטיקן רעפעראַט“ אויף דער טעמע: „יידישע קולטור־אַרבעט אין לאָנדאָן“. די איינלאַדונג האָט אויך צוגעזאָגט, אַז די טעמע וועט „דערמעגלעכן אַ דיסקוסיע איבער דעם, וואָס ווערט איצט געטון אין יידישן לאָנדאָן אויף דעם קולטורעלן געביט“. איך בין נישט דאָרט געווען, נישט ווייל איך האָב בכוונה געוואָלט איגנאָרירן אַן איינלאַדונג, וואָס וויל דערוועקן אַן אינטערעס צו יידישער קולטור־אַרבעט; איך בין נישט אַהינגעגאַנגען צוליב טעמים. די הויפּט־סבה זייענדיק דאָס באַשטימטע באַוווסטזיין, אַז דער אופן פון דער איינלאַדונג, די באַגרענעצטע צייט פון דער באַראַטונג איבער אַן אָנגעווייטיקט פּראָבלעם, און טיילווייז די צוזאַמענשטעלונג פון דעם פּערזאָנאַזש, וואָס האָבן דאָרט געזאָלט פיגורירן, זיינען פון אָנהויב אָן געווען די גאַראַנטיע, אַז עס וועט גאָרנישט ווערן. עס וועט זיין אַן איינמאָליקער שימער, דעקאָרירט מיט טיי און צובייסן, מיט אַן אַלגעמיין פּראַזירטן רעפעראַט און אַ דיסקוסיע, וואָס וועט באַשליסן אָפּצולייגן ווייטערע פאַרהאַנדלונגען און שמועסן אויף מיערצעשעם במהרה וימינו, אויף „קיינמאָלנישט“ אין אַ שיינעם ווינטער־אָוונט.

אַזעלכע איינלאַדונגען זיינען נישט קיין זעלטענהייט. ווען אונדזערע אַמאָליקע אַרבעטער־אינטעליגענטן: „דער בוטשער, דער בייקער און דער קענדלסטיק־מייקער“ (אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך באַנוץ מיך דערביי מיט דריי העלדן פונם ענגלישן קינדער־גאָרטן־פאָלקלאָר), וועלכע האָבן אַמאָל מיט יאָרן צוריק געווירקט און געוווינט אין מזרח־לאָנדאָן, און זיינען מיט דער צייט געוואָרן טאַטעס פון דערוואַקסענע קינדער, פילן פלוצים אַ גייסטיקע נאָגעניש און איינזאַמקייט אין זייערע איזאָלירטע באַקוועמע היימען אין קריקלווד און עדזשווייר, פינער און ניסדן, שיקן זיי אַרויס איינלאַדונגען צו אַ גרופּע יחידים, וואָס איך וועל זיי אָנרופן די נעכטיקע און די היינטיקע, און רופן צו אַ קאָנפערענץ אָדער דיסקוסיע וועגן דער פאַרוואָרלאָזונג פון דער יידישער קולטור. אַמאָל קומען די פּאָר מענטשן און אַמאָל אויך נישט. ווען זיי קומען שוין יאָ, זיינען עס נאָר די, וואָס האָבן נאָך אַביסל בטחון און גלויבן צו האָבן אַ גוטן פּלאַן. מען טרינקט טיי מיט צובייסן. מען שמועסט און דיסקוטירט איבער דעם, וואָס ס׳איז נישט געוואָרן געטון, און וואָס מען מוז טון. — און אַזויפיל מענטשן עס זענען געקומען, אַזויפיל פּלענער וואַקסן אַרויס. — פאַרוואַסערטע נישט־ממשותדיקע פּלענער, צוגעשניטן צום שאַבלאָן פון אַ



„נעכטיקער“ פאַרטיי, פּלענער, וואָס זאָגן צו אָנצוהויבן דאָרט, ווו מען האָט אויפגעהערט מיט צוואַנציק און דרייסיק יאָר צוריק. גענוי ווי נעכטן . . . מען רעדט, אַז אין ערשטער ליניע מוז מען פאַר די קינדערלעך, וואָס זיינען פאַרפרעמדט געוואָרן פון יידיש, יידיש־לעבן און יידיש־שאַפן, גרינדן אַ פרייע יידישע צוגאָב־שולע. און אַז מען זאָגט קינדער, מיינען די דאָזיקע מענטשן נישט חלילה זייערע אייגענע קינדער, נאָר יענעמס קינדער און אייניקלעך, ווייל די אייגענע קינדער און אייניקלעך זיינען שוין פאַרפאָרן העט־העט ווייט צו אַסימילאַציע, הרי חושך אָדער גאָר צום גאָור־זאַנקאַר אין די הימאַלאַיאַבערג.

* * * * *

אַמאָל איז געווען אַנדערש. פּרץ זאָגט, אַז יידיש־לעבן טאָר נישט זיין סטאַטיש, נאָר דינאַמיש. ווען יידיש־לעבן איז סטאַטיש, איז עס דעקאָדענט, פאַרזקנט, אויסגעוועפּט און אויסגעלעבט. ווען יידיש לעבן איז דינאַמיש, איז עס שעפעריש, בלייבט קיינמאָל נישט שטיין אויף איין אָרט. ס׳איז באַוועגלעך, פאַרענדערלעך. שאַפן זיך נייע לעבנס־אומשטענדן, שאַפן זיך אויטאָמאַטיש נייע לעבנס־פאָרמען, אַ נייער נוסח, וועלכער געפינט זיין אויסדרוק אין דער צייט פון לעבעדיקן וואָרט אין פּאָעזיע, ליטעראַטור, פּובליציסטיק, טעאַטער און דענקונגס־אַרט, אין מחשבות און רעיונות. ווען לעבן איז דינאַמיש, ווערן אויך געמאַכט און באַגאַנגען טעותים. פון טעותים און עקספּערימענטירן קען מען אַ סך לערנען, — זיי געהערן אַלס נעגאַטיוון גענוי אַזוי צו דער דינאַמישער שעפערישקייט, ווי די פּאָזיטיוון.

עס שווימען מיר אַרויף זכרונות, ווי מיט פערציק יאָר צוריק אינם יאָר 1915, אינעם ערשטן ווינטער פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער לינקער ווייסל־ברעג פון מערב־פּוילן איז שוין געווען באַזעצט פון דייטשן מיליטער. אויף רעכטן ווייסל־ברעג זיינען געווען פאַרשאַנצט די רוסישע אַרמייען. עס איז געווען אַ קאַלטער שטרענגער ווינטער, איין שטאָט איז געווען אויפגעשניטן פון דער אַנדערער. עס האָט קוים געהערשט האַנדעל און וואַנדעל אינעם אמתן זין פון וואָרט. צו פאָרן פון שטאָט צו שטאָט האָט מען געמוזט האָבן אַ פּאַסירשיין, אַ מין אידענטיטעטס־קאַרטע. וואַרשע, שוין דעמאָלט די גרויסע יידיש־גייסטיקע מעטראָפּאָליע, איז געווען אין רוסישע הענט, — אינגאַנצן אָפּגעשניטן פון מערב־פּוילן. נישט געווען קיין יידישע צייטונגען, זשורנאַלן, פעריאָדישע אויסגאַבעס און ניי־דערשיינונגען אין דער יידישער ליטעראַטור. זיי זענען אפשר יאָ געווען, מיר האָבן זיי אָבער נישט באַקומען אין דייטש־באַזעצטן געביט. מען איז געווען איזאָלירט.

אָבער אין דער אייגענער שטאָט איז מען נישט געווען איזאָלירט, און כאָטש עס האָט געהייסן, אַז מער ווי דריי מענטשן טאָרן זיך נישט גרופּירן אויף דער גאַס, און צו אַ פאַרזאַמלונג אפילו אין אַ פּריוואַט־הויז מוז מען האָבן אַ דערלויבעניש פון די מיליטערישע אויטאָריטעטן, איז די גאַס געוואָרן אַ שטיק ופן אונזער לעבן. דאָרט האָט מען זיך געטראָפן און מען האָט אויסגעטוישט געדאַנקען און אידייען. עס זיינען געבוירן געוואָרן פּלענער, און איי־

דער מען האָט זיך אומגעקוקט זיינען פלענער געוואָרן אַ שטיקל ווירקלעכקייט. פלוצים זיינען זעקס, זיבן, אַכט ביז צען מענטשן געווען פאַרזאַמעלט אינם צימער־חדר פון אַ יונגן בעל מלאכה, ביי איינעם „פון די יונגעלייט אין די צימער־לעך“ (דאָס וואָרט שטאַמט פון איטשע מאיר וויינבערג), מען האָט פאָרגעלייגט ליטעראַטור, געלייענט אייגן־געשריבענע מאַנוסקריפּטן, געלערנט געאָגראַפיע, יידישע געשיכטע און באַהאַנדלט סאָציאַלע פראַגן, וועלכע מיר האָבן נאָך נישט אינגאַנצן משיג געווען. איידער מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט, איז דאָס שטיבל געוואָרן צו קליין, דער קרייז האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן, און אַ טייל פון אונז זיינען געשווינד אַרויסגעוואַקסן פונם קרייז.

די טעטיקייט פון אָט דער קליינער גרופּע איז געשווינט באַקאַנט געוואָרן צו אַ גרופּע יחידים, וועלכע האָבן געהאַט געשפּילט אַ באַדייטענדע ראָלע אין די רעוואָלוציאָנערע יאָרן 5־1904, און וועלכע זיינען אין דער צייט פון דער שפּעטערער רעאַקציע געגאַנגען, ווי מען וואָלט דאָ געזאָגט „אַנדערגראַונד“, ד.ה. זיי זיינען אָפיציעל נישט געווען אַקטיוו. זיי האָבן אין אונדז געזען אַ כח, און מיט די פאַרענדערטע אומשטענדן זיינען אויסגעוואַקסן אַ ביבליאָטעק מיט אַ גרויסן לייען־זאַל, וווּ מען האָט יעדן שבת נאָכמיטיק מיט אַ גרופּע יונגע יידישע אַרבעטער געלערנט פון אַ נייעם נוסח און אַ נייעם לעבנסשטייגער, אַ דראַמאַטישע סעקציע מיט אַ באַצאָלטן רעזשיסאָר — ס'איז געווען די געבוירן־שעה פון אַ יידישער רענעסאַנס, פון דער יידיש־יידישער קולטור־באַוועגונג.

אַזוי איז עס געווען נישט אין איין שטאָט, נאָר אין אַלע גרויסע און מיטלערע שטעט פון גרויס־ און קליין־פוילן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. און כאָטש מען איז געווען איזאָלירט, איין שטאָט פון דער אַנדערער, איז פאָרם און אינהאַלט פון אַ נייער יידישער דינאַמיק כמעט געווען דער גלייכער, אין די גרויסע און מיטלערע שטעט, און די קלענערע שטעטלעך זיינען נישט געבליבן צוריקשטעליק.

ס'איז געווען פסח 1916, דער ערשטער יאָרצייט נאָך אונדזער גרויסן פּרץ. ספּאָנטאַן זיינען געוואָרן פאַראַנשטאַלטעט גראַנדיעזע יאָרצייט־פייערונגען, וואָס האָבן געטראָגן אַ ווירדיקן כאַראַקטער אין אַלע גרעסערע יידישע שטעט. אין דער זעלבער צייט האָט פאולא ר. (נח פרילוצקיאָס ווייב) געהאַט געשריבן אַ פּיעסע מיטן נאָמען „די ירושה“, נישט קיין געוואַלטיק ווערק, אָבער מיר האָבן אויף איינמאָל געוווסט, אַז מיר באַזיצן עפּעס: מיר האָבן אַ ירושה, אַ יונגע ירושה, וואָס מיר מוזן היטן; אַ ירושה, אויפגעבויט מיט דער הילף פון דער יונג־יידישער ליטעראַטור, מיט אַ טעגלעכער און פעריאָדישער פּרעסע, מיט קריטיקער, עסייאיסטן און פּובליציסטן, — דעמאָלט דאָרט אין פוילן, רוסלאַנד און ליטע און אויך מערב לים, אין ווייטן, ווייטן אַמעריקע, ווו אַ נייער יונג־יידישער ישוב האָט אַריבערגענומען די ירושה און מיט אַלטע און נייע כחות ווייטער געשפּינען דעם מלבוש פון אַ נייעם יידישן לעבנסשטייגער.

וואָס איז געוואָרן פון דער דאָזיקער ירושה?

(המשך קומט)



קייטי בראַון

## צום אפּפאַרן פון די צוויי באַגאַבטע קינסטלער
## בן ציון וויטלער און שפרה לערער

עס איז צום באַדויערן, וואָס נאָך אַזאַ קורצער צייט פון זייער גאַסטראָלירן דאָ ביי אונז אין לאָנדאָן, פאַרלאָזן זיי שוין אונז די צוויי באַגאַבטע אויבנדערמאָנטע קינסטלער.

מיט זייער אויפטרעטן דאָ האָבן זיי אַריינגעבראַכט אַ שטראַל פון וואַרימקייט און דערהויבונג אין אונזער לאָנדאָנער יידישן טעאַטער.

די פּיעסן וועלכע וויטלער האָט אויפגעפירט אין זיין קורצן באַזוך זענען נישט געווען קיין ליטעראַרישע, און אויך ניט קיין קלאַסישע פון וועלכע עס איז באַרימטע שרייבער, אָבער זיי זיינען געווען שיינע, ריינע, אָן וועלכע עס איז באַנאַליטעט, און דער עולם איז אַוועק צופרידן כמעט פון יעדער פאָרשטעלונג.

וויטלער פאַרמאָגט גרויסע מעלות אין זיין שאַפן, סיי אויף דער בינע און סיי הינטער די קוליסן. ער איז אַ פעאיקער רעזשיסאָר, ער באַהערשט יעדעס ווינקעלע פון דער בינע, און זעט אַז אַלץ זאָל זיין ווי געהעריק. ער האָט אויך גרויסע פעהיקייטן צום שרייבן און באַאַרבעטן סצענען דאָרט ווו עס נויטיקט זיך, אַזוי אַז ער ברענגט אַרויס לעבעדיקע געשטאַלטן אין די כאַראַקטערן וועלכע זיינע פּיעסן שטעלן פאָר און מאַכט דעם צושויער גלויבן, אַז דאָס וואָס מען זאָגט אויף דער בינע איז נישט קיין פאַנטאַזיע נאָר אַן אמת.

אָט די מעלה ביי אַ קינסטלער איז אַ זעלטנהייט און דאָס דערגענצט זיין גרויסקייט. ער באַרימט זיך אויך ניט און רעדט קיינמאָל ניט וועגן זיין קאַריערע, און ווער עס קומט מיט אים אין נאָענטן קאָנטאַקט, פילט אַז ער האָט צו טון מיט אַ גוט־האַרציקן חבר, און ער מאַכט אויף אייך דעם בעסטן איינדרוק. אַזוי אויך שפרה לערער.

מען קען צו אים נישט האָבן קיין טענות מחמת ער פירט נישט אויף קיין ליטעראַרישע פּיעסן, נישט חלילה דערפאַר ווייל ער קען נישט, אָדער עס אַפּעלירט ניט צו אים; אדרבה, אַזאַ קינסטלער ווי וויטלער שרעקט זיך ניט פאַר אַזעלכע זאַכן. אַז ער ווייסט און קען, האָבן מיר זיך שוין איבערצייגט. די סיבה דערפון איז די אַלטע צרה, וואָס איז שטענדיק ניי — עס איז פּשוט נישטאָ קיין פאַרלאַנג און קיין עולם, וואָס זאָל פאָדערן גוטע, ליטעראַרישע פּיעסן. בלויז געציילטע זענען פאַראַן, וועלכע וואָלטן אפשר געקומען. אָבער פון די געציילטע, זאָגט וויטלער קען מען קיין לעבן נישט מאַכן, און ביים אַקטיאָר, איבערהויפּט ביי דעם יידישן, שטייט די פּרנסה פראַגע די ערשטע פון אַלע אַנדערע.

עס קומט וויטלער'ן אַ יישר כח, ווייל ווי פריער געזאָגט, צו ליב זיין פאַרשטענדעניש די פּיעסן צו באַאַרבעטן, קומען זיי אַרויס רעאַליסטיש און

ניט איבערטריבן. ער שטעלט אַריין אייניקע שיינע נומערן געזאַנג, וועלכע ער און שפרה זינגען מיט חן; ער גיט אַריין לעבן אין די סצענעס, און מאַכט פון דער לייכטער קאָמעדיע אָדער דראַמע אַ געלונגענע זאַך, מיט וועלכער דער עולם איז צופרידן.

בן־ציון וויטלער איז אויך אַ גוטער העברייער. ער קען גוט די קליינע פינטעלעך, און ער זינגט אַ יידישע תפילה מיט אַזוי פיל האַרץ און נשמה, אַז דאָס פובליקום ווערט שטאַרק באַגייסטערט.

אויך שפרה לערער איז אַ גרויסע קינסטלערין, טוט זיך אָן שיין, געשמאַקפול, און שפילט אירע ראָלן אויסגעצייכנט.

זי פאַרשטייט אויך וויטלער׳ן און זיינע פעהיקייטן. דערפאַר איז זייער צוזאַמענשפילן אַזוי האַרמאָניש און שיין. וויטלער האָט זיך נישט געקענט אויסקלייבן קיין בעסערע און טאַלאַנטפולערע פאַרטנערין ווי שפרה לערער.

פאַרשטייט זיך, אַז צו וויטלער׳ס דערפאָלג טראָגן זער פיל ביי די טרופּע אַקטיאָרן מיט וועלכע ער שפילט. אַלע זיינען פעהיקע שוישפילער, און ער ווייסט דאָס ווי אָפצושאַצן. מען קען לייכט באַמערקן זיין דאַנקבאַרקייט צו יעדן פון זיי.

צום לעצט ווינטשן מיר אונזערע קינסטלער, בן־ציון וויטלער און שפרה לערער אַ האַרציקן פאָרט געזונד, זייט גליקלעך ווו איר וועט זיין, און קומט ווידער אַמאָל אַהער צו אונז.

## אזכרה פאַר יצחק קאצענעלסאן אין וויטעל

דעם 6־טן פעברואַר 1955 וועט אין וויטעל (מזרח־פראַנקרייך) פאָרקומען אַן אזכרה צום אָנדענק פון יצחק קאַצענעלסאָן ז״ל, דעם גרויסן מקונן פון פאַרטיליקטן יידנטום, מחבר פון דער פּאָעמע „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק״.

ווי באַקאַנט, האָט דער דיכטער פאַרלאָזן דאָס געטאָ אין וואַרשע אין אַפּריל 1943 און אַרויס אויף דער אַרישער זייט, נאָכדעם ווי ער האָט אין געטאָ פאַרבראַכט עטלעכע יאָר, אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין דער אומלעגאַלער קולטור און דערציאונגס אַרבעט פון דעם חלוצישן אונטערגרונד און זיך פאַרזענלעך מיט זיין זון באַטייליקט אין דער ערשטער באַוואָפנטער אַרויסטרעטונג פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע. אַ דאַנק פאַלשע פּאַפּירן, ווי אַ בירגער פון הינדיראַס, האָבן אים די דייטשן איבערגעשיקט אין מאַי, 1943, אין אינטערנירונגס לאַגער אין וויטעל. נאָכדעם, ווי די געסטאַפּאָ האָט געפּסל׳ט זיינע פּאַפּירן, איז ער דעם 18־טן אַפּריל, 1944 אַרויסגעשיקט געוואָרן אין זאַמל לאַגער דראַנסי, פון וואַנען ער איז דעם 29־טן אַפּריל אַרויסגעשיקט געוואָרן מיט אַ טראַנספּאָרט קיין אושוויץ.

אין טאָג פון דער אזכרה, וועט טאַקע אין הויז, ווו דער דיכטער איז געוועזן אינטערנירט אין וויטעל, האָטעל „פּראָווידאַנס״, און ווו ער האָט אָנגעשריבן „דאָס ליד וועגן אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק״ — און אַ רייע אַנדערע



שאַפונגען, אַנטהילט ווערן אַן אָנדענק־טאָוול. די איניציאַטיוו צו פאַראייביקן דעם גלות אָרט פון אומגעבראַכטן יידישן דיכטער האָט געגעבן בית לוחמי הגעטאָ אין ישראל, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון יצחק קצנלסון און ווו עס ווערן אָפּגעהיט זיינע כתבים פון דער חורבן צייט. די רעאַליזאַציע פון דער זאַך איז געוואָרן מעגלעך אַ דאַנק מרים נאָוויטש דער פאָרשטייערין פון בית לוחמי אין אייראָפּע. ווי באַקאַנט האָט מרים נאָוויטש פאַרבראַכט לאַנגע מאָנאַטן מיט דיכטער אין וויטעל, און געהאָלפן אויסצובאַהאַלטן זיינע כתבים.

דער פּאַטראָנאַט איבער דער אזכרה האָט איבערגענומען די פעדעראַציע פון יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך. עס וועלן זיך אין דער אזכרה באַטייליקן פאָרשטייער פון יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך, יידישע שרייבער פון ענגלאַנד און פראַנקרייך, פאָרשטייער פון ישראל. דער גענעראַל משה כרמל וועט פאַרטרעטן דעם קיבוץ המאוחד, מרים נאָוויטש בית לוחמי הגטאות.

נ.

## באנקעט לכבוד ש. י. הארענדארף׳ס בוך

אַ פריינטלעכע און חבר׳ישע שטימונג האָט געהערשט אויף דעם מלוה־מלכה באַנקעט, וואָס „פריינט פון יידיש לשון״ האָט איינגעאָרדנט שבת, דעם 4־טן דעצעמבער, אין „אַדלער האָל״, א.1, לכבוד דעם דערשיינען פון ש. י. האַרענדאָרף׳ס בוך „טעאַטער קאַראַוואַנען״. צווישן דעם עולם זענען געווען שרייבער, אַקטיאָרן און קולטור־טוער, וואָס האָבן אויסגעדריקט זייער גרויסע צופרידנהייט פאַר דעם בוך, וואָס איז אַ ווירדיקער דענקמאָל פאַר די אַזוי טראַגיש אומגעקומענע יידישע ישובים און פאַר די פאַרשיידענע יידישע וואַנדער־טרופּעס מיט וועלכע האַרענדאָרף האָט אַרומגעוואַנדערט איבער עסטרייך, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיי, רומעניע און יוגאָסלאַוויע.

באַגריסונגען זענען געהאַלטן געוואָרן פון י. ביעטש, אין נאָמען פון „פריינט פון יידיש לשון״: יוסף פרענקל, אין נאָמען פון יידישן זשורנאַליסטן און ליטעראַטן?פאַראיין״; פון דעם דיכטער א. נ. שטענצל, וועלכער האָט אויך געפירט דעם פאָרזיץ.

אָפּשאַצונגען וועגן דעם מחבר און זיין בוך, האָבן אויך געהאַלטן: מר. י. ל. פיין, וועמען דער עולם האָט וואַרים באַגריסט לכבוד זיין געזונט ווערן; פון די אַקטיאָרן: מאיר צעלניקער, דעם טעאַטראַל א. מייזעלס, הערמאַן טוניס, איזאַק קרעלמאַן, די שרייבער י. ליסקי און קייטי בראון. דער חזן שלום ראָזענבלום האָט דעם עולם משמח געווען מיט פאַרשיידענע לידער אין העברעיש און יידיש.

נאָך דער הפסקה, בעת וועלכער עס זענען פאַרקויפט געוואָרן אַ צאָל ביכער, האָט ש. י. האַרענדאָרף געהאַלטן אַ קורצע רעדע אין וועלכער ער האָט אָנגעוויזן אויף די שוועריקייטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן אַרויסגעבן אַ יידיש בוך. אָבער די גרעסטע סאַטיספאַקציע פאַר אַ שרייבער איז, אַז זיין בוך ווערט געלייענט און געליובט פון דעם עולם, ווי דאָס איז געקומען צום אויסדרוק פון די רעדנערס.—ס.ב.



„פאמאכעט דער כעלעמער פּאָעט״ — פעדער־צייכנונג פון דזשעק סמאָל.



## פונם וועסט ענדער בראַנטש פריינט פון יידיש לשון

דער וועסט ענדער בראַנטש פונם פאַראיין פריינט פון יידיש לשון האָט דעם דריטן ווינטער־סעזאָן אָנגעפאַנגען אַן אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענקומען פון יידישע מענער און פרויען וועלכע געפינען אַ נחת רוח אינם יידישן וואָרט און ליד.

אַ דאַנק די באַמיאונג פון פריינט יצחק פייגענבלאַט האָבן מיר אויך געקראָגן צו אונזער געברויך דעם זאַל פון דיען סטריט שול פון מר. לעווין, דעם סעקרעטאַר פון שול, פאַר יעדן דאָנערשטיק אָוונט ווען עס קומען זיך צוזאַמען די וועסט ענדער קאָמיטע און אויך מערערע געסט און עס ווערט ביי אַ גלעזל טיי געזונגען יידישע לידער און אויך פאָרגעלעזן דערציילונגען און רעציטאַציעס און דעקלאַמאַציעס פון באַקאַנטע און נייע יידישע שרייבער.

די קאָמיטע האָט זיך אונטערגענומען איינצואָרדנען פעריאָדישע טיי און סאָשעל אונטערהאַלטונגען זונטיק נאָכמיטאָגס און האָבן שוין צוויי זונטיק נאָכמיטאָגס אַדורכגעפירט וועלכע האָבן זיך זער גוט איינגעגעבן, דעם ערשטן דעם 14־טן נאָוועמבער מיטן אַנטייל פונם אַרטיסט איצקאָוויטש ע״ה און אויך אַנדערע צו לאַנגע יאָר, ביי וועלכן ס׳איז געקומען אַן עולם פון הונדערט מענטשן. עס איז געווען געַנוג צו עסן, קוכן, אויבסט א.אַז.וו. אויך דער גייסטיקער טייל איז געווען אימפּאָזאַנט און באַפרידיגענד. דער עולם האָט אויסגעדריקט זייער אַנערקענונג פאַר דעם גייסטיקן גענוס וואָס זיי האָבן געהאַט. דער צווייטער זונטיק נאָכמיטאָג איז געהאַלטן געוואָרן דעם 12־טן דעצעמבער, נאָר צוליב די „ביזי טיים״ פאַר קריסטמאַס זיינען געקומען אַ העלפט פון דעם ערשטן צוזאַמענקונפט. אויך דאָס מאָל האָבן אייניקע פרויען פון די קאָמיטע מיטגלידער געבאַקן קוכן און באַזאָרגט אַנדערע גוטע זאַכן. אויך דאָס מאָל האָבן אייניקע רעציטאַטאָרס פאָרגעלעזן און, לידער זיינען געזונגען געוואָרן, און דער קלענערער עולם האָט געהאַט אַ פּאָר שעה אַן אמתן נחת רוח און האָבן אויסגעדריקט זייער צופרידנהייט וואָס זיי זיינען געקומען פאַרברענגען אין אַ יידישע סביבה. דאָס גיט די קאָמיטע דעם מוט ווייטער אָנצוגיין מיט דער אַרבעט אין דער וועסט ענד פון לאָנדאָן פאַר יידישע קולטורעלע טעטיקייט.

בן־אריה.

## מאיר צעלניקער האָט אַ גרויסן דערפאָלג

מיר ווערן געוויר פון די ענגלישע טאָג־צייטונגען, און מיר זיינען זער צופרידן דאָס איבערצוגעבן, אַז מאיר צעלניקער האָט גרויס דערפאָלג אין דער אויפפירונג: „די וועלט פון שלום עליכם״, וואָס ווערט איצט געשפילט אין עמבאַסי טעאַטער אין סוויס קאָטעדזש.

איבער אַ יאָר לאַנג איז דאָס דאָזיקע שפּיל אויפגעפירט געוואָרן אויף דער ענגלישער בינע אין ניו־יאָרק.

אין דעם אַנסאַמבל באַטייליקן זיך די בעסטע יידיש־ענגלישע שוישפּילער: מרים קאַראַלין, דוד קאָסאָף, דזשערעמי ספּענסער, א. אַ. די קאָמעדיע איז צענויפגעשטעלט פון סעם וואַנאַמייקער.

## צו דער ביכער אויסשטעלונג אין וואבורן הויז

צו דער ריין יידיש־ענגלישע אָפּטיילונג, איז נישט נאָר אַז איך האָב נישט קיין שייכות דערצו, נאָר פּשוט איך ווייס נישט קיין סך דערפון. נאָר די אָפּ־טיילונג פונם „וועלט יידישן קאָנגרעס" האָט איר אָפּטיילונג אויסגעשטעלט מיט אַ גרויסן המצאהישן איינפאַל — אַז עס הערן אויף אַלע קשיות מכוח כמות און איכות; זייער אָפּטיילונג איז פּשוט וועלן באַווייזן די פילפעלטיקייט פון שפּראַכן אין וועלכע יידן שאַפן—טאַקע אין שבעים לשונות . . . טאַקע ווי דר. א. שטיינבערג האָט ליב זיין אייגענע פּאַראַפראַזע: שמע בכל לשון שאתה שומע".

אויף דעם אָוונט איינגעאָרדנט פונם וועלט יידישן קאָנגרעס האָבן גערעדט: דר. חיים רייבין, דר. אהרן שטיינבערג, דר. ראָט. אַלע דאָקטוירים און אַלע אין ענגליש און איך האָב קיין סך נישט פאַרשטאַנען.

רעציטירט אין ענגליש, עדמונד פלעגן און מענדעלען, האָט דער אַקטיאָר לעאָנאַרד זאַקס. רעציטירט אין יידיש און העברעאיש, יהודה הלוי'ן און שלום עליכמען, האָט דער ישראל אַקטיאָר יהודה בן עפרוני. שלום עליכמען האָט ער זייער פיין געמאַכט. דעם פאָרזיץ האָט געפירט רעוו חיים פערל.

אינגאַנצן גענומען האָט דער אָוונט געמאַכט אַ פיינעם עסטעטישן איינדרוק, בזער אנפין, אָבער אין אַזאַ מעטראָפּאָליט ווי אין אונזער יידישן און יהודישן לאָנדאָן, קאָנען אַזעלכע אָוונטן אימפּאָזאַנטער געמאַכט ווערן, און אויך יידישע כמות און איכות קאָן מען אויך גאָר גאַנץ אַנדערש אינטערפּרעטירן, אַ סך יידי־שער און יידישלעכער.—ש.

---

## קומענדיקן חודש דערשיינט שמואל וווהייט'ס בוך „פּאמאכעט דער כעלעמער פאעט" אין פערלאג „לשון און לעבן".

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סט., לאָנדאָן, א.1. 3 אַזייגער

שבת, דעם 15־טן יאַנואַר, — דיסקוסיע איבער יידישער קולטור טעטיקייט אין ענגלאַנד. רעדנער: י. ביעטש, י. א. ליסקי, מ. מינדעל און אליהו פּאַלושאַק.

שבת, דעם 22־טן: אַ פאָרטראַג פון עלעק וואָטערמאַן: די דייטשע ווידער־באַוופענונג.

שבת, דעם 29־סטן — שלמה אויערבאַך: די שאַפער פונם גאָלדענעם צייט־אַלטער פון דער העברעאישער ליטעראַטור.

שבת, דעם 5־טן פעברואַר — די טראַדיציאָנעלע שבת־שירה פייערונג: לייענען

שבת, דעם 12־טן, — געווידמעט י. א. ליסקי צו זיין 50־טן געבוירנטאָג און רעציטירן פון דער ענגליש־יידישער פּאָעזיע.



## אַרבעטער רינג, פּאַריז, קולטור צענטער
### קאָנקורס.אויף.דער.בעסטער.יידישער.נאָוועלע

אין דאָזיקן ליטעראַרישן קאָנקורס וועלן זיך קאָנען באַטייליקן יידישע שרייבער וואָס וווינען אין איראָפּע

דער „קולטור־צענטער" פון אַרבעטער־רינג אין פּאַריז האָט באַשלאָסן צו פּראָקלאַמירן אַ ליטעראַרישן קאָנקורס אויף דער בעסטער יידישער נאָוועלע. אין דאָזיקן קאָנקורס קאָנען זיך באַטייליקן אָן אונטערשיד יידישע שריי־בער, וואָס וווינען אין איראָפּע.

די צוגעשיקטע נאָוועלן וועלן באַטראַכט ווערן דורך אַ זשורי, וועלכע וועט אויסקלייבן די דריי בעסטע שאַפונגען. עס זיינען באַשטימט געוואָרן דריי פּרייזן:

ערשטער פּרייז פון 25,000 פראַנצ. פראַנק.
צווייטער פּרייז פון 15,000 " "
דריטער פּרייז פון 10,000 " "

דער „קולטור־צענטער" האָט באַשלאָסן נישט צו שטעלן די שרייבער קיין שום באַדינגונגען, נישט וואָס שייך דער גרויס און נישט וואָס שייך דעם אינ־האַלט פון דער נאָוועלע. זיי דאַרפן אָבער זיין נאָך נישט געדרוקטע, נישט אין קיין צייטונגען און נישט אין בוך־פאָרם.

די נאָוועלן האַרפן צוגעשיקט ווערן ביז צום 15־טן פעברואַר 1955 צום קולטור צענטער פון אַרבעטער רינג, אויף פאָלגענדיקן אַדרעס:

Cercle Amical, Centre Culturel, 110 rue Vieille du Temple, Paris III

די נאָוועלן דאַרפן צוגעשיקט ווערן אין צוויי עקזעמפּלאַרן און זיין גע־שריבן אויף אַ שרייב־מאַשינקע אָדער מיט אַ זער לייענבאַרער האַנדשריפט.

די נאָוועלן האַרפן צוגעשיקט ווערן אונטער אַ פּסעוודאָנים. צו יעדן כתב־יד דאַרף צוגעשיקט ווערן אַ צווייטער בריף אין אַ פאַרלאָקירטער קאָנווערט, אין וועלכן עס דאַרף זיך געפינען דער זעלבער פּסעוודאָנים צוזאַמען מיטן גענויעז נאָמען און אַדרעס פון שרייבער.

אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז אַ גרעסערע צאָל נאָוועלן האָבן אַ ליטע־ראַרישן ווערט, רעזערווירט זיך דער קולטור־צענטער די רעכט אַרויסצוגעבן די דאָזיקע דערציילונגען אין אַ בוך־פאָרם. די מחברים וועלן ווערן האָנאָרירט.

דער רעזולטאַט פון קאָנקורס וועט פאַרעפנטלעכט ווערן אין אַלע יידישע צייטונגען אין דער ערשטער וואָך פון חודש מערץ 1955. די פּרעמירטע מחברים וועלן באַקומען שריפטלעכע מעלדונגען.

פּאַריז, 1־טן דעצעמבער 1954.

קולטור צענטער פון אַרבעטער רינג, פּאַריז.

---

## בר מצוה-מזל טוב

מיר באַריסן פריינט משה זוסמאַן און פרוי צו דער בר מצוה פון זייער ערשטן אייניקל ראָבערט סטיואָרט מייקלס. זיי זאָלן דערלעבן פיל נחת.

„פריינט פון יידיש לשון".

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 2־5 (העפט 4־281) זעכצנטער יאָרגאַנג מאַי 1955 לאָנדאָן

## 19-טער אפריל, יום העצמאות, פראפעסאר איינשטיין

דער 19־טער אַפּריל, דער זכרון־טאָג פונם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, דער העראָאיש סימבאָלישער טאָג פון 6,000,000 קדושים, איז געוואָרן פאַרן מאָדערנעם יידישלעכן מענטש דער טאָג פון תפילה, פון אינערלעכקייט, פון ערינערונגען און חשבון־הנפש — דאָס וואָס ס'איז אַמאָל געווען אין שטעטל די נאַכט פון כל־נדרי; יענע נשמה־שטימונגען וואַכן אויף און שטייען אויף תחית־המתים.

דאָס 10־טע יאָר שוין ווי מיר, „פריינט פון יידיש לשון", אָרדענען איין דעם 19־טען אַפּריל יזכור־אָוונט. דאָס ערשטע מאָל אין די 10 יאָר, וואָס איך האָב מיך נישט געקענט באַטייליקן און מיך מיחד מיטן עולם אין דער הייליקער שעה. אין מיין איינזאַמקייט, אין מיין תפילה ביחידות, אין מיין שיר־היחיד האָב איך מיך געפילט ווי אַ דאָרפס־ייד, וואָס האָט נישט געקענט דערגרייכן אין שטאָט אַריין, וואָס אַן אַקס האָט זיך אים צעבראָכן און ער איז געבליבן שטעקן ערגעץ אין אַ העק אינמיטן וועג.

אין אונזערע טעג, ווען די נאַכט פון כל נדרי איז פאַרן נאַציאָנאַלן סינאַגאָגן ייד געוואָרן די וויכטיקסטע שעה פונם נאַציאָנאַלן אַפּיל, — די הייליקע שעה איז פארגעשעפטלעכט געוואָרן! — האָט זיך געשאַפן אַן עקוויוואַלענט; אַ פאָלק אָן אינערלעכן חשבון הנפש פאַרלירט די פנימיות פונם נפש.

און באמת, ווען נישט דער גלות־ייד וואָס האָט פאַרוואַנדלט די כל־נדרי־שעה אין אַזאַ הימליש־יעלהדיקן קול־ישראל פון כל־ישראל — אַ ראַנדעווו פון אַלע יידן מיט זייער גאָט! ווו וואָלט מען די לויפנדיקע יידן געקענט צונויפזאַמלען און פון זיי צו זאַמלען דעם נויטיקן און באַרעכטיקטן אָפּצאָל פון אונזער אַנטלויפנדיק פאָלק פאַר אונזער יידישער מדינה — פאַר ישראל? באמת דאָס מינדעסטע וואָס דער דיאַספּאָרע־ייד קאָן זיך באַטייליקן און באַשטייערן צום אויפבוי פון זיין לאַנד און פון קבוץ־גליות.

דער יום העצמאות, דער חג לד' ווי מ'רופט אים אויס, האָט נאָך נישט דעם כוח ווי די גלותדיקע כל־נדרי־שעה. צום יום העצמאות זאַמלען זיך די באַגייסטערטע פונם פאָלק, אָבער די עצמות היבשות בלייבן נאָך אין דער היים און ווייסן אפילו נאָך נישט דעם יידישן טייטש פון דעם העברעאישן וואָרט.

וועט אונזער פאַרפייניקטער דור, אין אַזויפיל בלוט אָפּגעגאַנגענער דור, האָבן דעם כוח די ביידע טעג צו פערוואַנדלען אין הייליקע גרויסע סימבאָלן נישט נאָר אין פאַטריאָטיש־נאַציאָנאַלע און אין יחידיש יידישלעכע, נאָר אין

## פון „פריינט פון יידיש לשון"
## צו די לייענער פון „לשון און לעבן"

חשובער פריינט,

ווי איך איז בעוווסט איז די אויפגאַבע פון אונזער. אָרגאַניזאַציע:

1) צו העלפן דאָס דערשיינען פונם זשורנאַל „לשון און לעבן", און

2) אָנגיין מיט קולטורעלער טעטיגקייט אויף דער יידישער גאַס.

פאַר ביידע צוועקן נויטיגט זיך מאַטעריעלע הילף און, מיט דער קליינער צאָל מיטגלידער אין אונזער אָרגאַניזאַציע איז די אַרבייט אַ שווערע און אַ לאַנגזאַמע. אום צו קענען פאַרגרינגערן און פאַרשעהנערן אונזער אַרבייט, נויטיגן מיר זיך אין אַ גרעסערער צאָל מיטגלידער. מיר ווענדן זיך צו איך, וועלכע שטייען אַזוי נאָנט צו אונזער אידעאַל אָנצושליסן זיך אין אונזערע רייען. אייער מיטגלידערשאַפט וועט נישט נאָר אַוועק שטעלן די אָרגאַניזאַציע אויף אַ פעסטן ביידן, נאָר וועט אויך מיטהעלפן דאָס ווייטערדיגע, רעגעלמעסיגע דערשיינען פון „לשון און לעבן" אין אַ גרעסערן און אינהאַלטס־רייכערן פאָרמאַט.

• צום האָנ. סעק., „פריינט פון יידיש לשון",

איך שיק איך............פונט............שילינג............פענס

אַלס אַ יערליכער מיטגלידס אָבצאָל.

**M. BECKERMAN,**
**10, ENNISMORE AVE., W.4.**

Name..............................................................

Address..............................................................

---

## פריינט פון יידיש לשון

דינסטיק, דעם 17־טן מאַי, 7.30, אין אַדלער האָל, אַדלער סטריט, א.1

אַ קבלת פנים באַנקעט (אַ סודת הנודאה)

**פאַר א. נ. שטענצל**

אַלע פריינט זיינען איינגעלאַדן. בילעטן ביים איינגאַנג.